STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03217

PAMOKHET DER KHELEMER POET

Shmuel White

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שמואל ווהייט

4/12/56

פאַמאָכעט

דער כעלעמער פּאָעט

הומאָריסטיש-סאַטירישע פּאָעמעס

פאַרלאַג
„פריינט פון יידיש לשון"
לאָנדאָן 1955

SHMUEL WHITE

PAMOCHET

DER CHELEMER POET

HUMOROUS-SATIRICAL POEMS

די גאַנצע איינגאַמע פון בוך האָט דער
מחבר אַ מתנה געגעבן לטובת
„לשון און לעבן“.

The whole of the proceeds of this book has been donated by the Author to the funds of
"LOSHEN UND LEBEN"

Published by

FREINT FUN YIDDISH LOSHEN

17 Delamare Buildings, Collingwood Street, London, E.1

איינלייטונג

די „פּאַמאָכעט״־סעריע האָב איך געשריבן אין אַ לייכט שפּילנדיקן טאָן און אין אַ פריי־פליסיקן ריטם. איך האָב מיך ניט געלאָזט צוימען פון די פאָרגעשריבענע דיכטונגס רעגלען. וואָס איך האָב אייגענטלעך געוואָלט מיט דער סעריע באַצוועקן איז נעמלעך אַרויסרופן אַ האַרציקן לאַך אָדער אַ לייכטן שמייכל און אויך אַמאָל אַן ערנסטן געדאַנק, וואָס ציפּט ביי דער נשמה און לוינט זיך דעריבער צו פאַרטיפן. אויב דאָס איז מיר טיילווייז געלונגען האָט די סעריע איר ציל דערגרייכט.

שמואל ווהייט

לאָנדאָן, יוני, 1955

פּאַמאָכעט ווערט געלייענט : Pa-mo-chet

דאָס בוך „פאַמאָכעט דער כעלעמער פאָעט ווידמע איך מיין
פאַרשטאָרבענעם קוזין מאָריס ראָזענבערג ע״ה אין אייביקן
אָנדענק פאַר זיין נאָבעלע נשמה.

I dedicate this Volume of Poems

PAMOCHET DER CHELEMER POET

to my late beloved cousin Maurice Rosenberg

in memory of his noble deeds.

May his dear Soul rest in Peace.



מאָריס ראָזענבערג, ע״ה

מיין טייער אסתר׳ל

די „פאמאכעט״-סעריע פאר דיר געשריבן

דן — די אינספיראציע פון מיין גייסטיגער יניקה

נאָך וואָס מ׳ברויך די נאַכט

פאַרקלערט שטייט פּאַמאַכעט,
דער כּעלעמער פּאָעט
מיט דעם שוואַרצן קראַוואַט
פאַרשלעפּט אָן אַ זייט,
און גיט זיין ציגן־בערדל אַ גלעט,
שטייט ער און טראַכט:
„נאָך וואָס האָט דער ליבער גאָט
„געמאַכט די נאַכט?
„צו וואָס?״
און ס׳לויפן זיינע ברילן
אויף דער הויקערדיקער נאָז,
ווי אַ ווילד־צעשראָקענער האָז.

שטייט פּאַמאַכעט און טראַכט,
מיט אויגן האַלב פאַרמאַכט,
און מיטאָמאָל פּאַמאַכעט לאַכט!
ער האָט דערטראַכט
נאָך וואָס מ׳ברויך די נאַכט . . .
שמייכלט פּאַמאַכעט זאַכט
און זאָגט: „אַך, טי, באָזשע מאָי!
געוויס מוז עס זיין אַזוי.
אַז נישט? צו וואָס האָט מען לאָמפּן געמאַכט,
אויב עס וואָלט נישט זיין קיין נאַכט?!״
צופרידן איז דער פּאָעט פּאַמאַכעט
פון דעם איינפאַל דעם קלוגן;
ער וועט עס פּאָעטיש באַשרייבן,
און די רעכטע מטבע דערפאַר קריגן . . .

מלאכים

דער באַרימטער פּאמאכעט,
דער כעלעמער פּאָעט,
מיט זיין ציגן־בערדל,
מיט דער הויקערדיקער נאָז,
און מיט זיינע ברילן,
האָט זיך זיין אייגענעם ווילן.
און ווען זיין פאַנטאַזיע
האַלט זיך אין צעשפּילן
מיט דערהויבענע געפילן,
זעט ער דורך זיינע ברילן
וואָס זיין האַרץ נאָר גלוסט . . .
און נישט אומזיסט
איז ער אַזוי באַרימט.
איצט האָט ער דערזעען
ווי מלאכים צוויי
שפּילן זיך אַרום אין היי,
קושן און האַלזן זיך, און לאַכן,
און פּראַווען מלאכים־זאַכן.
רוקט ער זיך נענטער צו צו זיי.
איז פּאמאכעט דער כעלעמער פּאָעט
אָנגעקומען אַ ביסעלע צו פרי;
האָט ער באַלד דערפּילט
אַ פּאָר פּאַר די אויגן,
זענען זיינע ברילן ווו פאַרפלויגן.
עס פינסטערט אים אין די אויגן,
און מיט שרעק דערפילט ער קלעפּ:
קלעפּ פון רעכט און לינק.
נאָר אַ גליק נאָך, אַז פּאמאכעט
איז אַזוי גרינג.
לויפט ער טאַקע אַזוי פלינק.
אַז נישט, וואָלטן די מלאכים נאָך קענען
אים אַ לעבעדיקן פאַרברענען!
טראַכט זיך פּאמאכעט און רעדט,
מיט מלאכים וויל ער נישט האָבן צו טוען,
זאָלן זיי זיך באַקוועם אין הימל אַרומפליען!

א רעפּעראַט איבער אייער

דער באַרימטער פּאַמאַכעט,
דער כעלעמער פּאָעט,
וועט האַלטן אַ רעפּעראַט
אין אַ באַשטימטער צייט;
איז אויף פּלאַקאַטן
געשריבן געוועזן.
די כעלעמער האָבן געלעזן,
זענען זיי אין צייט געקומען
און די פּלעצער פאַרנומען.
און צו דער באַשטימטער צייט
איז פּאַמאַכעט אויך געקומען,
מיט זיין ציגן־בערדל צעשפּרייט
און מיט די ברילן אויף דער הויקערדיקער נאָז.
און אויפן טיש איז געגרייט געווען
אַ פלאַש וואַסער און אַ גלאָז.
דער כעלעמער פילאָזאָף
האָט פּאַמאַכעטן געגעבן ס׳וואָרט,
און באַלד אויפן אָרט
האָט פּאַמאַכעט מיט אַ ברען
באַוויזן וואָס ער קען . . .
„לאָמיר, זאָגט ער, נעמען אַן איי.
„ס׳האָט אַ ווייסל און אַ געלבל,
„און אויסבריען בריט די הין
„אַ הינדל, און נישט קיין קעלבל!״
„בראַוואָ! בראַוואָ!״ — פּאַטשט אַלט און יונג,
און פּאַמאַכעט קוויקט זיך מיט אַ טרונק.
„און ס׳זעלבע איי, אויב מ׳וויל,
„קען מען דערפון מאַכן אַזוי פיל!
„אָט נעמט, צום ביישפּיל,
„אַן איי מיט רעטעך און שמאַלץ,
„און דערצו אַ ביסעלע זאַלץ—״
פאַסמאַקעוועט זיך פּאַמאַכעט,
און ווינקט מיט אַן אויג —

2

„און אַן איי מיט הערינג־רויג,
„מיט אַ ציבעלע צוגעביסן,
„און מיט מאַסלינעס און אַנגרעסן;
„מעג עס אַפילו זיין אַן אַן איי,
„און צוטרינקן אַ גלעזל טיי
„איז שלעכט?" — לאַכט פאַמאַכעט.
נאָר וואָס איז מיטאַמאָל געשען?
מ'האָט דעם כעלעמער משוגענעם דערזען.
און געצילעוועט האָט ער איינס און צוויי,
און געפלויגן איז אַן איי נאָך אַן איי . . .
און יעדער געצילעוועטער שאָס
האָט פאַמאַכעטן געטראָפן
אויף זיין הויקערדיקער נאָז.
און צעטראָגן האָט זיך גלייך
נישט קיין געשמאַקער ריח;
און צערונען זענען זיך געלבלעך
אויף פאַמאַכעטס ציגן־בערדל,
אַזוי פּליסיק, אַזוי ווייך.
דאָך פאַמאַכעט דער כעלעמער פּאָעט
איז אין גאַנצן נישט דערצערנט;
ער האָט היינט אויך עפּעס געלערנט . . .
כאָטש מ'האָט אים נישט געשוינט,
און מיט פוילע אייער „באַקרוינט",
איז ער אָבער צופרידן צו וויסן,
און מ'קאָן אַזעלכע אייער אויך נוצן . . .

פּאַמאַכעט האַלט מלחמה מיט דער לבנה, געצייכנט פֿון זשעק סמאַל

פאמאכעט האלט מלחמה מיט דער לבנה

אונזער באַקאַנטער פאמאכעט,
דער באַרימטער כעלעמער פּאָעט,
גייט איינמאָל שפּעט ביינאַכט
צעטראָגן און פאַרטראַכט.
מיטאַמאָל קוקט ער אין דער הייך
און דערזעט דורך זיינע ברילן
די לבנה טרויעריק און בלייך.
קוקט ער זיך אין איר גוט איין,
און דערפילט באַלד איר פּיין.
וויל ער דאָך אָבער דערגיין
די סבה, פאַרוואָס?
פאַרוואָס?! — צופּט ער זיין ציגן־בערדל
און אויך זיין הויקערדיקע נאָז.
קוקט ער זיך נאָכאַמאָל אין דער לבנה איין,
באַהאַלט זי זיך מיט איר שיין . . .
פאַרדריסט עס פאמאכעט,
דעם כעלעמער פּאָעט;
און וואָס ער וויל די לבנה זען,
איז דאָס זעלבע אַלץ געשען:
זי שפּילט זיך אין באַהעלטעניש אַרום;
נישט אַנדערש, זי מאַכט חוזק פון אים!
ווערט פאמאכעט אין כעס:
מיט אים טרייבט מען נישט קיין שפּאַס!
כאַפּט ער אַ שטיין מיט האַסט,
וואַרפט אים אין דער הויך, און האָפּ,
באַלד פילט ער אַ לאָך אין קאָפּ . . .
איז דאָך נישט אַנדערש, אַז די לבנה
וויל מיט אים מלחמה האַלטן . . .
וועט ער איר נאַריש פּנים צעשפּאַלטן!
קריכט פאמאכעט אויף אַ באַרג אַרויף,
כאַפּט אַ גרויסן שטיין, און טוט אַ לויף,
אַ וואַרף אין דער הייך אַרויף —
און האָפּ, —

באַלד פילט ער ווידער אַ לאָך אין קאָפּ!
און מיטאַמאָל זעט ער ווי אין וואַסער
שווימט די לבנה נאָך בלאַסער;
אַזוי גנביש אַרום.
איצט האָט ער זי דערטאַפּט!
זי וועט זיך נישט אויסדרייען פון אים.
כאַפּט פאַמאַכעט, דער כעלעמער פּאָעט,
גאַר אַ גרויסן שטיין,
און וואַרפט אים גלייך
אין דער לבנה׳ס פּנים אַריין . . .
ער האָט איר געטראָפן
ווו זי קען נישט אַנטלויפן,
טאַקע אין סאַמע מיטן וואַסער.
און פליוך! פאַמאַכעט שטייט
אַן אָפּגעצוואָגענער, אַ נאַסער;
און די לבנה, פול מיט וואונדן,
איז אין גאַנצן פאַרשוווּנדן!
אַ צופרידענער, שמייכלט פאַמאַכעט,
דער באַרימטער כעלעמער פּאָעט.
ער האָט זיך מיט דער לבנה געקריגט,
מיט איר מלחמה געהאַלטן,
איר נאַריש פּנים צעשפּאַלטן,
און מיט זיין כח זי באַזיגט . . .

מ׳האט פאמאכעטן באגנבעט

פאמאכעט, דער כעלעמער פּאָעט,
זיצט אין שטאָט־גאָרטן
מיט אויגן האַלב פאַרמאַכט.
זיצט ער אַזוי און טראַכט,
באַפאַלט אים אַ דרימל,
און עס חלומט זיך אים,
אַז ער איז אין הימל,
און דער מלאך גבריאל
רוקט אים צו אַ שטול,
צו אַ געגרייטן טיש,
און דערלאַנגט אים געפילטע פיש . . .

גייט דער כעלעמער משוגענער פאַרביי,
דערזעט פאמאכעטן און טוט אַ שפּיי.
ער האָט זיך שוין לאַנג פאַרשווירן,
ער מוז זיין ציגן־בערדל האָבן;
האָט ער עס אים בליץ־שנעל,
טאַקע איצט אויף דער שטעל,
אינגאַנצן באַלד אָפּגעשוירן . . .

און פאמאכעט, דער כעלעמער פּאָעט,
עסט, טרינקט און קוועלט.
וויל ער זיין ציגן־בערדל געבן אַ גלעט,
דערפילט ער, אַז עס פעלט!
כאַפּט זיך פאמאכעט אויף מיט שרעק,
טאַפּט זיין גאָמבע און טאַפּט;
זיין בערדל איז ווי אַוועק.
שטייט ער אַזוי פאַרגאַפט,
זוכט ער עס אין די טאַשן,
זוכט עס אין די קאַמאַשן,
און קען זיין בערדל נישט געפינען.
נישט אַנדערש, עמיץ האָט עס ביי אים
געגנבעט אָדער גאָר צוגענומען.

ציטערט אין שרעק פּאַמאַכעט,
אַז אַן זיין ציגן־בערדל
ווערט ער דאָך אויס פּאָעט!
און אפשר גאָר, ווערט ביי אים קלאָר,
בין איך גאָרנישט פּאַמאַכעט?
גייט ער צו צו אַ שפּיגל־גלאָז
און דערקענט זיין הויקער־נאָז.
גייט פּאַמאַכעט אַרום אין פּין,
זוכט אַרום זיין טייער בערדל,
און מיטאַמאָל קוקט ער אַריין
אין אַ פאַרוואַקסן גערטל,
און דערזעט ווי אַ ציג
טראָגט גאָר זיין בערדל
און עסט מיט אַפּעטיט דאָס גראָז!
ער האָט זיין בערדל באַלד דערקענט;
שפּרינגט פּאַמאַכעט דעם פּלויט אַריבער
מיט ברייט אויסגעשטרעקטע הענט
און וויל די ציג כאַפּן.
שפּרינגט זי אַרויף אויפן דאַך,
טוט אין פּנים אים אַ בעטשע און אַ לאַך;
וויל ער זי דערטאַפּן,
יאָגט ער זיך מיט איר אַרום
און קאָן זי אויף קיין פאַל ניט כאַפּן.
קלערט פּאַמאַכעט, דער כעלעמער פּאָעט,
אַן עצה — ווי זיין טייער בערדל צוריקצוקריגן . . .
גיי און האָב אַן עסק מיט ווילדע ציגן!
נאָר דערפאַר איז ער דאָך
פּאַמאַכעט דער כעלעמער פּאָעט;
ער וועט אַן עצה שוין געפינען,
און זיין טייער בערדל צוריקבאַקומען.
טראַכט פּאַמאַכעט אַ טאָג, צוויי און דריי;
גאַנצע צוואַנציק טעג זענען פאַרביי,
און פּאַמאַכעט האָט אויסגעטראַכט אַ פּלאַן:
ער מוז אַ לייטער קריגן, וועט אַלעס גוט זיין.
ער האָט אַ לייטער באַקומען,
און זיך צו דער אַרבעט גענומען.
קריכט שוין פּאַמאַכעט אויפן דאַך,
דערזעט אים די ציג,
טוט זי אַ בעטשע און אַ לאַך,

און שפרינגט אַראָפּ איבער פּאמאכעטס קאָפּ
גלייך אויפן גרינעם גראָז;
און שפרינגענדיק לאָזט זי
שיטערע סימנים איבער
אויף פּאמאכעטס הויקערדיקער נאָז.
יאָגט ער זיך אויף דער לייטער אַרויף־אַראָפּ,
און די ציג שפרינגט, האָפּ און האָפּ.
גייט דער כעלעמער משוגענער פאַרביי,
דערזעט פּאמאכעטן און טוט אַ שפּיי.
וויל ער מיט אים פאַרפירן אַ קריג,
לאַכט ער פון פּאמאכעטן מיט דער ציג,
און נעמט ס'בערדל פון טאַש אַרויס
און לאָזט עס לויז, הענגען.
קוקט פּאמאכעט אויפן בערדל,
קוקט אויף דער ציג, קוקט אויפן משוגענעם
מיט אַ בליק אַ שטרענגען,
און קאָן גאָרנישט דערזינען.
טאַפּט ער זיך ביי דער גאָמבע,
און ער האָט זיין בערדל געפונען.
אַזאַ וווּנדער גיי און פאַרשטיי,
נאָך צוואַנציק טעג מיט צוויי,
זאָל גאָר בערדלעך זיין גאַנצן דריי —

צעשמייכלט זיך פּאמאכעט,
דער באַרימטער כעלעמער פּאָעט,
און זאָגט: „אָך, טי באזשע מאַי,
„ווי קען דאָס מעגלעך זיין אַזוי?
„דאָס וווּנדער גיי און פאַרשטיי,
„אַז מיטאַמאָל זאָל גאָר זיין
„בערדלעך גאַנצע דריי!"

פאמאכעט רעדט זיך אדורך מיט מארס

פאמאכעט, דער כעלעמער פּאָעט,
האָט מיט כעלעם זיך פאַרוועט,
אַז ער וועט זיך אַדורכרעדן
מיט דעם מאַרס פּלאַנעט;
ער ווייס דעם סוד גאַנץ גענוי,
אַז אין אַ געוויסער צייט און ווי אַזוי
ער קען דאָס אַלעס מאַכן.
ווען מיר שלאָפן, אַזוי האָט ער געלעזן,
טוען זיי דאָרט אויבן וואַכן;
מ׳דאַרף בלויז דעם ריכטיקן צייכן מאַכן.

איז טאַקע גאַנץ כעלעם געקומען
דאָס גרויסע וואונדער זען;
און דאָס וואונדער איז טאַקע געשעען . . .
ער האָט זיי אין וואַלד גענומען,
אין אַ שטאָקיק פינסטערער נאַכט,
און פאמאכעט, דער כעלעמער פּאָעט,
האָט דעם געוויסן צייכן געמאַכט.
באַלד האָט געגעבן אַ דונער און אַ בליץ,
און ס׳גיסט אַ גרויסער גאָס־רעגן,
און עפּעס האָט זיך אויף דיביימער
אָנגעהויבן רירן און באַוועגן.
און פון דעם טיפן טונקל
האָבן אַ מאַסע גרינע אויגן
געגעבן אַ בלישטש, אַ פינקל —
אויגן, ווי פון ווילדע קעץ.
און שטאַרקער ווערט ס׳געוויטער.
פאמאכעט גיט אַ קוק, און זיין הויקערדיקע נאָז,
און זיין ציגן־בערדל גיבן אַ ציטער;
און פאמאכעט, דער כעלעמער פּאָעט,
פאַרברעכט די הענט און רעדט:
„אַך, דו ליבער גאָט מיינער,
עס זענען דאָך די מאַריטאַנער!“

פון די בוימער האָט אַ ווילדעס קוויטשן
מיט גרויל זיך צעטראָגן,
און פּאָר גרויס שרעק האָט
גאַנץ כעלעם זיך אָנגעהויבן יאָגן;
און פאמאכעט, דער כעלעמער פּאָעט,
איז אַזוי לייכט, אַזוי גרינג,
לויפט ער — דער ערשטער — אַזוי פלינק.
וואַקלט זיך זיין ציגן־בערדל אַזוי גיך,
איז ער דער ערשטער אין שטאָט
צו לויפן געקומען גאָר אָן שיך.

אַ פאַרסאָפּעטער, באַרימט זיך
פאמאכעט דער כעלעמער פּאָעט
און גיט זיין ציגן־בערדל אַ גלעט;
צופרידן וואָס ער האָט געוווּנען
ביי די כעלעמער דעם וועט!

פאמאכעט באקומט א נייעם פאסטן

פאמאכעט, דער כעלעמער פּאָעט,
האָט אַ נייעם פּאָסטן באַקומען
אין דער כעלעמער גאַזעט.
זינט ער האָט זיך אַדורכגערעדט
מיט דעם מאַרס פּלאַנעט,
האָט מען דרך־ארץ באַקומען
פאַר זיין גרויס געלערנטקייט . . .
שמט זיין נאָמען ווייט און ברייט;
און ווער קען און ווער
פון הימל נייעס ברענגען,
ווי אונזער ליבער פאמאכעט?
און באַלד צומאָרגנס טאָקע
האָט פאמאכעט דער כעלעמער פּאָעט
דעם ערשטן באַריכט געברענגט
וועגן אַ הימלישן באַנקעט,
וואָס האָט זיך אַזוי געלעזן:
פונקט צוואַנציק מינוט צו פינף,
איידער די זון איז אונטערגעגאַנגען,
האָט די מאָלצייט זיך אָנגעפאַנגען
ביי פיין געדעקטע טישן,
ווו מלאכטעס שיינע,
וואָס קענען האַרציק קושן,
האָבן די מאָלצייט סערווירט.
דער פּלאַץ איז געווען
וואונדערלעך־שיין מעבלירט
מיט ווייכע דיוואַנען,
און ווו־נישט־ווו זענען
פאַרלעך געקומען צופליען.
נאָר באַלד האָט זיך דערהערט אַ קלונג,
און אַ מלאך מיט אַ שיינער שטימע טוט אַ זינג.
„אַ קלאַפּ אין טיש — און מיט אַ געשריי:
„שאַ־שאַ־שאַ!
„דער פאָרזיצער וועט רעדן

„איבער הימלישע ענינים !“
און אָנגעפאַנגען האָט ער :
„ — די הוצאות זענען גרויסע.
„ — מ׳דאַרף האָבן מזומנים
„ — אויסצוהאַלטן אַ גן־עדן
„ — מיט דעם בעסטן אויף דער וועלט ;
„ — מוז מען האָבן אַ סך געלט.“
שושקעט מען זיך אין דער שטיל,
באַלד ווערט אַ גרויסער טומל.
„ — שאַ, בולוואַנעס !!“ מוסרט דער פּאַרזיצער.
„ — איר פאַרגעסט, אַז איר זענט אין הימל !“
פאַרדריסט עס אַ מלאך שטאַרק,
וואַרפט ער זיין צילינדער
דעם פאַרזיצער גלייך אין קאַרק
פאַר זיין ציניש באַמערקן,
און ער שרייט נאָך צו אים צו :
„ — וואָס מיינט איר, מיר זענען טערקן ?
„ — מיר ווייסן ווו מיר זענען !
„ — ס׳איז אַלעמען באַוווסט,
„ — מיר דאַרפן נישט קיין בורזשוי.
„ — לאַנג לעבן זאָל דער קאָמוניסט !“
ס׳ווערט אַ קאַכעניש, אַ ווילדער טומל,
מ׳שרייט פון אַלע זייטן : „וואַרפט אים אַרויס
„ — מיר דאַרפן דאָ נישט קיין קאָמוניסטן
„ — אין אונזער פרידלעכן הימל !“
מיט וואָס ס׳האָט זיך געענדיקט
טאָר איך מער נישט באַשרייבן ;
עס מוז אַן אייביקער סוד פאַרבלייבן !

פאמאכעט טרעפט זיך מיטן ווייטשעפּעלער פּאעט

דער כעלעמער פּאָעט,
אונזער אַלט־באַקאַנטער פאמאכעט,
האָט זיך געטראָפן
מיט דעם באַרימטן ווייטשעפּלער פּאָעט,
און זיי האָבן זיך אַדורכגערעדט:
„מיר הערן זיך אָן אַזויפיל
„פון אייער ווייטשעפּל".
פרעגט דער ווייטשעפּעלער פּאָעט
זער נייגעריק, „צום ביישפּיל?"
טוט זיך פאמאכעט
זיין ציגן־בערדל אַ גלעט,
פאַרריכט זיינע ברילן
אויף דער הויקערדיקער נאָז,
און טוט אַ זאָג: — „איר ווילט וויסן וואָס?
„ערשטנס זאָגט מען,
„אַז ביי אייך זענען די פּאָעטן
„גאָר גרויסע מאַגנאַטן,
„גאַנצע מיליאָנערן,
„און זייער גוטסקייט לאָזט זיך
„אויף דער גאָרער וועלט הערן!
„היינט אייער זשורנאַליסטן פאַראיין,
„זאָגט מען, קאָן באַשטיין
„פאַר יעדן דורכרייזנדן פּאָעט
„איינאָרדנען אַ באַנקעט
„מיט קוכן און מיט טיי,
„און אַמאָל אויך מיט פלייש און וויין!
„און ועל כולם", מאַכט פאמאכעט,
„וואָס הערט זיך פאַר מיר מיט אַ באַנקעט?...
„איך ריכט זיך צו אייך קומען
„און האַלטן אַ רעפעראַט.
„איך ווייס איר צאָלט זייער גוט
„יעדן קאַנדידאַט".
מאַכט דער ווייטשעפּעלער פּאָעט, —

„מײן טײַערער פּאַמאַכעס,
„מיר מעגסטו דאָך גלייבן,
„נאָר כ׳בעט דיך זאָלסט אין כעלעמער גאַזעט נישט באַשרייבן,
„אַז אַלץ, וואָס איר האָט דאָרט געהערט,
„האָט אַפּילו קײן שמעק טאַבעק נישט ווערט!
„די מיליאָנען, וואָס דו האָסט אויסגערעכנט!
„אויב עס זענען געבערענטע צרות.
(„נאָר איך בעט דיך, ברודער, שווייגן.)
„מעגסט צו זיי נאָך עפּעס דערלייגן.
„און די באַנקעטן פון אונזער פּאַריין,
„מיט דער טיי און קוכן,
„און אַפּילו מיט פלייש און ווײַן,
„איז פאַר פרעמדע בלויז אַלײן.
„און פאַר אייגענע מאַכט מען
„אויך אַמאָל אַ באַנקעט,
„ווייסטו ווען, מײן ליבער פּאַמאַכעס?
„ווען זיי ווערן פּטור פון פּאָעט . . .
„מ׳לויבט אים ביזן הימל
„פאַר זײַן קינסטלערישער ווערט,
„און אין האַרצן לאַכן זיי פון אים;
„אַז ס׳איז אַלץ פונקט פאַרקערט״.

צעשמייכלט זיך פּאַמאַכעס
פאַר דעם ווייטשעפּעלער פּאָעט,
און זאָגט: — „אַך, טי באזשע מאי,
„איז עס טאַקע אמת אַזוי?
„איצט קאָן איך שוין פאַרשטיין.
„עס איז דאָך פונקט אַזוי,
„ווי אין אונזער כעלעמער פּאַריין . . .״

פאמאכעט מאכט א נייע דערפינדונג

גאַנץ כעלעם גייט אויף רעדער:
עס ווייס שוין יעדער
אין שטאָט פון דעם סוד,
אַז פאַמאכעט, דער כעלעמער פּאָעט,
האָט אַ דערפינדונג געמאַכט,
ווען ס׳וועט אייביק טאָג זיין
און קיינמאָל מער קיין נאַכט!
ס׳לעבט זיך אויף טיש און אויף בענק,
מ׳רעדט פון דעם ווונדער
אין דער ברייט און אין דער לענג —
וואָס פאַר אַ געוואַלטיקער אויפטו.
הערט זיך נאָר גוט צו,
עס וועט קיינמאָל זיין שפּעט,
בלויז אייביק פרי!
און די לאָמפּן, די צויטן און קנויטן,
די אייביקע צרות,
וועט מען ברויכן אויף טויזנט כפּרות.
הכלל, גאַנץ כעלעם וואַרט אויפן נס,
ווען ס׳וועט טאָג זיין דעם גאַנצן מעת־לעת.
אין שבת־חזון, פאַרן לייענען,
וועט פאַמאכעט, דער כעלעמער פּאָעט,
גאַנץ קלאָר באַווייזן.
עס איז געקומען שבת־חזון,
דער חזן כאַפּט דעם שחרית אָפּ,
אים ליגט דער נס אין קאָפּ,
מאַכט ער ביים דאַוונען גראָבע גרייזן . . .
די באַשטימטע צייט איז געקומען,
אַלע פלעצער אין שול זענען פאַרנומען.
און פאַמאכעט, דער כעלעמער פּאָעט,
האָט זיך אויף דער בימה באַוויזן
מיט אַ טלית און אַ ספר אין האַנט;
דאָס ציגן־בערדל שיין פאַרקעמט.
ער קוקט אויף דער מזרח־וואַנט,

קוקט זיך אויף דעם עולם אַרום,
קוקט אויבן, קוקט אונטן, שטיל און שטום.
און מיטאַמאָל האָט פּאַמאַכעט
זיך פייערדיק צערעדט.
„טאַקע פון היינטמאָל אָן״,
רעדט ער מיט אַ שטאַרקן קול,
„וועט טאָג אייביק זיין,
„און קיין נאַכט נישט מיין;
„דער גאַנצער מעת־לעת
„וועט ליכטיק נאָר זיין!
„וויאַזוי איך וועל עס מאַכן? —
רעדט פּאַמאַכעט —
„איז ביי מיר איינס פון די גרינגסטע זאַכן!״
דער עולם שפּיצט די אויערן אָן,
מען וויל שוין וויסן און הערן.
איצט רעדט שוין פּאַמאַכעט
מיט אַ רואיק־געלאַסענעם טאָן:
„איך וועל לייטערס אויסשטעלן,
„און מיט קאַלעך דעם הימל באַווייסן,
„אים אין גאַנצן באַהעלן״.
דער עולם ווערט נתפּעל
ווען פּאַמאַכעט טוט אַ זאָג:
„ס׳וועט מער קיין נאַכט נישט זיין,
„נאָר בלויז אייביק העלער טאָג!״

מ׳האָט זיך גענומען זאָגן
דעם „ויהי בנסוע הארון״,
מיטאַמאָל הערט זיך אַ קלאַפּ אין שטענדער:
„שאַ־שאַ־שאַ!״
טוט דער כעלעמער רב ר׳ סענדער
מיט בהלה אַ געשריי.
„יידן, מ׳טאָר אַזאַ זאַך נישט דערלאָזן!
„ווי און ווינד איז מיר״, טוט ער קלאָגן,
„אַז עס וועט אייביק טאָג זיין!
„ווען וועט מען מנחה און מעריב דאַוונען,
„און ווען וועט מען תחנון זאָגן?
„טייערע, ליבע כעלעמער מענטשן,
„מ׳וועט דאָך אַפילו נישט וויסן
„ווען שבת־ליכט צו בענטשן!

„מיר טאָרן פאַמאַכעטן
„דעם פּלאַן נישט לאָזן אויספירן ;
„מיר קענען דאָך, חלילה, נאָך
„בײדע װעלטן פאַרלירן ! . . .“
און מיט אַ טרויעריקן תחנונים־געבעט
װענדט זיך דער רב צו פאַמאַכעט :
„כ׳בעט דיך, טו אונז אַ טובה
„און פיר נישט אויס דײַן פּלאַן !
„זאָל עס, װי עס איז געװעזן,
„װידער טאָג און נאַכט זײַן !“

פאַרטראַכט זיך פאַמאַכעט,
דער כעלעמער פּאָעט,
און מיט מיטגעפיל ער רעדט :
„כ׳װיל אין כעלעם אויף קײן פאַל
„נישט מאַכן קײן בײז לעבן.
„זאָל עס בלײַבן װי געװעזן !“
דערפאַר האָט דער רב
אים „שלישי“ געגעבן.

פאמאכעט ראטעוועט די ברינע

פאמאכעט, דער כעלעמער פּאָעט,
גייט אַרום צעטראָגן, פאַרטראַכט,
ס׳האָט זיך אים געחלומט נעכטן ביינאַכט,
אַז מ׳האָט די ברינע אַוועקגעגנבעט.
גייט גאַנץ כעלעם אַרום פאַרשמאַכט,
ס׳איז נישט פאַרבליבן קיין טראָפּ וואַסער.
דרייט זיך פאמאכעט ביי דער ברינע אַרום,
אַ צעשראָקענער, אַ בלאַסער,
ער זוכט אַ פּלאַן, כדי זיכער צו זיין,
מ׳זאָל די ברינע נישט קענען
פון כעלעם אַוועקנעמען.
קוקט ער מיט אַ טיפן חשד
דורך די ברילן, וואָס זענען אָן אַ זייט.
גייט דער כעלעמער משוגענער פאַרביי,
דערזעט פאמאכעט און טוט אַ שפּיי.
גייט ער נענטער צו דער ברונען צו,
איז פאמאכעט שוין גאָר זיכער,
אַז דער משוגענער וויל דאָס דער גנב זיין.
שטעלט ער זיך צווישן זיי,
טאָקע אין דער סאַמע מיטן,
ער וויל די ברינע אָפּהיטן!
טוט דער משוגענער אים אַ קלאַפּ אין קני,
שרייט פאמאכעט מיט אַ גרויס געוואַלד:
„אַ גנב! אַ גנב!״ קומען צולויפן יונג און אַלט.
דערציילט זיי פאמאכעט, דער כעלעמער פּאָעט,
פון זיין נעכטיקן חלום, מיט גרויס שרעק,
אַז מ׳גנבעט די ברינע פון כעלעם אַוועק,
און כעלעם בלייבט אָן וואַסער; און אַלט און יונג
גייט נעבעך אויס פאַר אַ טרונק.
עס קאָכט זיך פשוט איבער דער וועלט.
קוים האָט מען דאָס דערהערט, האָט מען
שומרים ביי דער ברינע אַוועקגעשטעלט,
דעם משוגענעם אַוועקגעטריבן.
און אַ דאַנק פאמאכעט, דעם כעלעמער פּאָעט,
איז די ברינע אין כעלעם פאַרבליבן . . .

וואלן אין הימל

אונזער באַרימטער פּאַמאַכעט,
דער באַוווסטער כעלעמער פּאָעט,
מיט זיין אָנגעזעענעם פּאָסטן
אין דער כעלעמער גאַזעט,
האָט לעצטנס מיטגעטיילט,
אַז עס ווערן קאַנדידאַטן
אין הימל אויסגעוויילט.
איז דאָרט אַ גרויסער טומל
אין דעם לאַנגען, ברייטן הימל:
מ׳יאָגט זיך, מ׳איילט זיך,
עס לויפן שטאַפּעטן
אין פייערדיקע קאַרעטן;
מ׳דאַרף אַ נייעם אויפזעער
פאַרן גיהנום וויילן,
און ווײלער וועלן נישט פעלן . . .
עס דרייען זיך אַרום
די מלאכי־חבלה
מיט פייערדיקע ריטער,
מיט גרויסע רימענס — אַ בהלה!
און לילית, מיט אַ געפּודערט פּנים,
מיט אַ סך שמינקע און פאַרב,
אַזוי קונציק פאַרשמירט
יעדן פאַלד, יעדן קאַרב;
פאַרפיומירט און אויסגעפּוצט
אין אַ פייערדיק־רויט קלייד,
מיט פערל, גאָלד און זילבער
און דיאַמאַנטן אַריינגעניייט,
האָט זיך שעלמיש צווישן
די מאַסן ווײלער אַרומגעדרייט.

אשמדאי דרייט זיך אויך אַרום,
מרה־שחורהדיק, פאַרזאָרגט.
ער האָט פאַר די וואַלן
אַזויפיל געלט אָנגעבאָרגט,
און אַז ער זאָל, חלילה, פאַרלירן
וועט ער זיך קענען
אַליין אין זיין גיהנום

אַ לעבעדיקן פֿאַרברענען!
און דער קעגנער זיינער
איז אַ שד מיט אַ פֿייערדיקער שפּיז,
הויך און גרויס ווי אַ ריז.
ער איז געזונט און יונג,
און באַזיצט אַ פֿייערדיקע צונג,
וואָס באַוועגט זיך אַזוי גרינג.
ער רעדט מיט אַ מויל, וואָס שפּריצט
מיט שוועבל, פֿייער און רויך;
וואָס קאָן פֿאַרברענען מיט איין הויך.

„אשמדאי, זאָגט ער, איז שוין
„עובר־בטל און צו אַלט.
„זיין גיהנום איז פֿינסטער,
„גליטשיק און אַזוי קאַלט.
„אונטער מיין השגחה וועט איר האָבן
„אַ מחיהדיקן גיהנום
„מיט מאָדערנע פֿייערן,
„וואָס וועלן פֿלאַמען ברענען.
„ווער דאַרף קוילן, אַש און סאַדזע,
„און אַרומגיין ווי אַ שאָטן,
„אַז מ׳קען גיין ווייס און ריין;
„און מ׳וועט נאָך קענען
„אַ סך לייכטער ברענען
„און פֿיל בעסער בראָטן!
„ליכטיק וועט זיין, ווי אין גן־עדן,
„באַלויכטן מיט עלעקטריש ליכט.
„מיין גיהנום וועט ביי מיר באַקומען
„גאָר אַ גאַנץ אַנדער געזיכט.
„און די הערנער וועט מען ביי מיר
„וואָס שנעלער פּטור ווערן!
„און דאָס שפּיציק־בערדל
„גאָר אין גאַנצן אָפּשערן.
„אַ מאַנאַקל וועט יעדער
„ביי מיר באַקוועם טראָגן
„אויף אַ גאָלדן קייטל.
„און אַ סוד וועל איך אייך זאָגן,
„אַז שכירות וועלן זיין גרעסער;
„איר מעגט שוין קויפֿן אַ נייעם בייטל!“

אשמדאי שלעפּט זיך אַרום
מיט אַ פּאָר טייוולאָנים
וואָס רעדן פון אַלטע צייטן
ווי אַפּגעלעבטע בטלנים.
„אַמאָל, דערציילן זיי, איז געווען
„אַ סך סמאלע, שוועבל און פייער.
„נאָר היינט איז אַזאַ גרויסער יקרות,
„און קוילן זענען אַזוי טייער!
„און אַרבעט איז דאָ לרוב,
„ס׳קומען זינדיקע אָן צאָל,
„כאָטש צערייס זיך אויף צוויי,
„נישטאָ די כוחות פון אַמאָל״.
און ביי אַ כוסה פאַרזיכערן זיי,
אַז זיי וועלן אים אייביק בלייבן טריי;
און טרייסטן אים, ער וועט געווינען —
„הורא! לעבן זאָל אשמדאי!״

נאָר אשמדאי גייט גאָר נישט איין.
ער קען בעסער ווי די בטלנים פאַרשטיין.
זיין קאָנקורענט איז אַ יונג אַ כוואַט,
אַ צלם־קאָפּ, אַ ליטוואַק,
וואָס קען קאָמפּלימענטן מאַכן,
וויצן זאָגן, אַז אַלע לאַכן;
ער ווייס פּאַר דאַמען זיך פאַרנייגן;
זיי עסן אים פּשוט מיט די אויגן.
זייערע שטימען וועט ער געוויס נישט באַקומען.
זיין שרעק ווערט וואָסאַמאָל גרעסער,
ער קען די שדיכעס בעסער;
זיי קאָנען נאָך די טייוולאָנים באַפעלן,
אַז זיי זאָלן זיין קעגנער וויילן . . .

— — — — — — — — —

ווי די וואַלן וועלן זיך ענדיקן
ווייס איך נאָך נישט גענוי.
נאָר די ווילער רעדן צווישן זיך אַזוי:
„אין גאַנצן אויף אַ יונגן שנעק זיך פאַרלאָזן,
„מיט זיינע שפּאָגל נייע מעטאָדן,
„קען ער נאָך אַמאָל דעם גיהנום אויפבלאָזן.
„איז שוין כדאי זיך צו האַלטן
„מיט אונזער אשמדאי דעם אַלטן . . .״

א שטרייק אין גן-עדן

פּאַמאַכעט, דער כעלעמער פּאָעט,
האָט בסוד מיטגעטיילט
אין דער כעלעמער גאַזעט,
אַז דאָרט אויבן אין גן־עדן
האָט אַ שטרייק זיך פאַרשפּרייט.
ס׳איז שווער איבערצוגעבן
די צרות, די ליידן,
וואָס די משרתים דערציילן.
גיי און שטעל צופרידן
אַזאַ גרויסע עדה יידן,
אַז שור־הבר און לויתן
האָט זיך זיי צוגעגעסן!
ווילן זיי נייע מאכלים עסן . . .

איינער וויל אַ מאמעליגע
מיט געפּרעגלטע שוואָמען,
און אַ גולאַש, ס׳זאָל דעם טעם האָבן
פּונקט ווי ביי זיין ליבער מאַמען.

איינער וויל טשאָלנט יעדן טאָג
מיט אַ פעטן קוגל און קישקע;
און איינער צעשרייט זיך אויף אַ קול,
ער מוז האָבן: „בלעק ענד ווהייט וויסקי!“

און איינער, אין הויך־קלינגענד דייטש,
סטראַשעט מיט געביילטע קולאַקעס:
ער מוז האָבן אַ ווינער שניצל
מיט זויער קרויט און כשרע ראַקעס!

אַ ליטוואַק שפּאַרט זיך איין, ער וויל
גרויסע פּאַסאַליעס מיט טייגלעך.
זיי מיינען זיי דאַרפן בלויז וועלן,
מוז ביי אונז אַלץ זיין מעגלעך!

די חסידים לעבן גאָר אַ טאָג!
זיי הוליען און זיי זינגען,
און טרינקען יין־המשומר,
און הערן נישט אויף צו שלינגען.
זיי פּראַווען מלווה־מלכות
און היטן יעדע יאָרצייט אָפּ;
און מיט קולות און מיט טומלען
פאַרדולן זיי דעם שוואַכן קאָפּ . . .

און פון פרויען איז גאָרנישט אויסצוהאַלטן . . .
מ׳דאַרף זיין פון שטאָל און אייזן.
זיי קרימען זיך, און ווי צו קאָכן
וועלן זיי אונז לערנען ווייזן.

און מיט פרומע איז גאָר אַ צרה,
אַז אַלעמאָל איז אַן אַנדערע יעלה
אַז וואָס מ׳זאָל מיט זיי נישט טוען,
פרעגן זיי באַלד אַ הארבע שאלה . . .
חנוכה מוזן זיי האָבן
דעם אמתן שמן־זית זך;
לאַטקעס און גריוון עסן זיי —
גיב זיי נאָר נאָך און נאָך.

און פורים מאַך זיי אַ קוילעטש,
געפלאָכטן ווי לחם־הפנים,
מיט ראָזשינקעס, זאַפרן, מאָן און צוקער;
זיי זענען דאָך גרויסע יחסנים!

פסח באַק זיי מצה שמורה,
גרייט זיי אַ הסב־בעט און חרוסת,
און דערלאַנג זיי יין־המשומר
אין כפול־שמונהדיקע כוסות . . .

נאָר איינער אַ ר׳ באַנטשע שווייג
איז אַ פיינער מאַן, אַ גוטער,
ער איז גליקלעך און צופרידן
מיט אַ בולקע באַשמירט מיט פוטער . . .

ווי דער שטרייק האָט זיך געענדיקט?
דער פֿאַרבאַנד האָט זיך אַריינגעמישט
און דעם שטרייק געמאַכט צונישט.
מ׳זאָגט, אַז עס זענען די פּרומאַקעס
אָדער גאָר די צלם־קעפּ, די ליטוואַקעס;
צוליב זיי האָט מען דעם שטרייק אָפּגעשטעלט.
זיי האָבן נישט געזשאַלעוועט קיין געלט.
נאָר ווי עס זאָל נישט זיין,
האָט דער שטרייק נישט געקאָנט האַלטן;
די משרתים זענען אומצופרידן,
נאָר בלייבן וועט עס נישט ביים אַלטן!
זיי וועלן מוזן קאָכן, באַקן און בראָטן —
אין שור־הבר און לויתן פֿאַרגעסן —
און צוגרייטן מאכלים, וואָס זיי ווילן עסן.

פּאַמאַכעט ווערט אַ צפנת־פּענח

פּאַמאַכעט, דער כעלעמער פּאָעט,
האָט געחלומט, אַז דער מלאך,
וואָס האָט זיך צו יוסף'ן באַוויזן,
האָט זיך מיט אים ליבלעך אַדורכגערעדט,
און אַ צאַרטן קוש אים געגעבן;
און פּאַמאַכעטן געזאָגט, אַז פון היינט
הייבט זיך פאַר אים אָן אַ ניי לעבן. —
„כ'וועל דיך לערנען אַ סך זאַכן
„און אויך פאַרשיידענע שפּראַכן;
„וועסט וויסן פון ערדישן זיין
„און סודות פון הימלישן רייך.
„וועסט ווי יוסף ווערן אַ „צפנת־פּענח";
„וועסט אַלעס זען מיט אַנדערע אויגן".
און מיט אַ שטילן פאָך פון די פליגל
איז דער מלאך אַוועקגעפלויגן.
פּאַמאַכעט האָט פון שלאָף אויפגעוואַכט,
עס איז נאָך געווען פינסטערע נאַכט,
דאָך האָט אַ ליכט־פּאַס פון אַ ווינקל געשיינט.
פּאַמאַכעט האָט זיך פאַר פרייד צעוויינט,
ער האָט אין זיך דערפילט אַ נייעם כוח;
דורכזיכטיקער, זעענדיק ווערט זיין מוח.
ער איז נישט דער פּאַמאַכעט פון אַמאָל,
ער שטייגט אויף גרויסע הויכן פון טיפן טאָל.
און ווען פּאַמאַכעט איז אַרויס אויף דער גאַס,
האָט ער אין פּנימער דערזעען
די פאַלשע מאַסקע פון שפּאָט און שפּאַס,
דעם שקר, וואָס באַצירט זיך מיט אמת;
ווו הינטער שמייכל ליגט קנאה מיט האַס.
און די, וואָס ער האָט נעכטן געלויבט,
האָבן זיין גלויבן ביי אים גערויבט.
איז פּאַמאַכעט טרויעריק געוואָרן,
ער פילט ער האָט עפּעס געוווּנען
און אויך עפּעס פאַרלוירן.
דאָך רעגט דורך זיינע בלוטן אַ קראַפט,
וואָס רעדט צו אים: — „מוטיק דיך, פּאַמאַכעט,
„דו ביסט דער, וואָס ברענגט דעם לעבנס־זאַפט,
„די טרייסט, דעם צאַרטן לעבנס־גלעט!"

פאמאכעט קומט נאָך ווייטשעפּל

פאמאכעט, דער כעלעמער פּאָעט,
איז באַאויפטראַגט געוואָרן
פון דער כעלעמער גאַזעט
צו זעען דעת „פעסטיוואַל אָוו בריטען“
און אַלעס געני בּאַריכטן, ווי ער קען.
האָט פאמאכעט נישט לאַנג געטראַכט
און זיך רייזע־פּערטיק געמאַכט.
און פאָרן פאַרן קיין ענגלאַנד
האָט מען אים אַ צאתכם־לשלום געמאַכט,
ווו גאַנץ כעלעם האָט פיין פאַרבראַכט
ביז זער שפּעט אין דער נאַכט.
און גאַנץ פרי האָט פאמאכעט
גענומען זיין גרינעם טשעמאדאַן,
אויך זיין רעגנשירם, און אַוועק צום באַן;
און גאַנצע צוויי טעג און צוויי נעכט
האָט פאמאכעט, דער כעלעמער פּאָעט,
די רייזע נאָך ענגלאַנד געמאַכט.
און באַלד ווי ער איז נאָר געקומען
האָט ער זיך צו דער אַרבעט גענומען.
ער איז אין רעדאַקציע געוועזן
און אין גרויסע אותיות געלעזן,
אַז פאמאכעט, דער כעלעמער פּאָעט,
איז קיין ווייטשעפּל געקומען;
און ווי מ׳האָט אים מיט גרויס כבוד
אַזוי האַרציק אויפגענומען.
זיין פאָטאָגראַף איז געוועזן
אין פולער גרויס אויף דער ערשטער זייט,
די ברילן זענען אַזוי פיין אויף זיין
הויקערדיקער נאָז געזעסן,
און זיין ציגן־בערדל האָט מען
אויפן פאָטאָגראַף אויך נישט פאַרגעסן.

און אין נאָמען פון „לשון און לעבן"
האָט שטענצל פאַמאַכטען איינגעלאַדן —
פאַר אים דעם שבת געווידמעט —
און אויך אַ פיינעם טיי געגעבן
מיט ברויט, הערינג און פלאָדן.
און ביי דער סעודה האָט פאַמאַכטע
זיין ציגן־בערדל געגעבן אַ גלעט,
און זיך מיט וואַרעמקייט צערעדט.
„לשון און לעבן האָט אַ סך געגעבן
„דעם ענגליש־יידישן עולם.
„ס'איז מער ווי הכנסת אורחים
„און נאָך מער ווי ביקור חולים!
„דאָ האָט איר שפּייז פאַר קערפּער און גייסט;
„לשון און לעבן האָט ביידע געגעבן".
און שטענצלען געווונטשן, אַז ער זאָל
דעם טויזנטסטן נומער דערלעבן,
„דער דערפאָלג מוז זיין גרויס!"
און פאַמאַכטע האָט באַקומען
אַ געוואַלדיק־גרויסן אַפּלויז.

דער זשורנאַליסטן פאַריין
האָט די מיטגלידער געלאָזט וויסן,
אַז פאַמאַכטע, דער בעלעמער פּאָעט,
איז דאָ צוגאַסט: — „קומט אים באַגריסן!"

און צומאָרגנס איז ער ביי דעם
פּאָעט משה־עובד געווען.
פאַמאַכטע, דער בעלעמער פּאָעט,
האָט משיחס אייזעלע געוואָלט זען,
אים שלום־עליכם אָפּגעבן;
און טאַקע אין איין וועגס
אויף משיחן זיך נאָכפרעגן.
און פאַמאַכטע האָט באַלד באַוויזן,
אַז ער קען מיט אייזלען אויך רעדן,
נאָר דער אינהאַלט איז נישט פאַר יעדן;
די שפּראַך איז בלויז פאַר באַגאַבטע פּאָעטן . . .

פאמאכעט האָט שמואל וואַיטן געטראָפן,
און געלעזן זיינע „נשמה קלאַנגען״,
ווו ער האָט דערשפּירט דעם לעדער־ריח
אין זיינע סאַטירישע געזאַנגען.
איצט האָט ער פאַרשטאַנען פאַרוואָס ער קען
הומאָריסטיש־סאַטיריש בייסן.
עס איז די לעדער אין זיין פעדער,
וואָס קען אַזוי צאַרט־קונציק שמייסן!

און נאָך אַ לאַנגען שפּאַציר איבער
דעם וועלט־באַרימטן וויטשעפּל
האָט עס ביי פאמאכעטן אַ פּנים געהאַט
ווי אַ געפּילט פּורים־קרעפּל.
אַז אַלץ איז דאָ צעמאָלן, פאַרמישט:
די שפּראַך — האַלב יידיש, האַלב ענגליש.
מ׳זאָגט תהלים, מ׳שפּילט פוטבאָל,
פערדלעך און הינט — אַ מאָדנע געמיש.
מ׳לויפט שבת כאַפּן אַן עליה,
מ׳עסט טשאָלנט, מ׳פאָרט אויך אין אַ קאַר,
און מ׳האָט אַ געוואַלדיקע הנאה
פון אַ גוטן האַוואַנאַ־ציגאַר.

און דאָס יונגוואַרג ווערט דערצויגן
אויף „בר־מצווה פּאַרטי״ און מפטיר;
מ׳לערנט דעם „בחור״ „ספּיטשן״
ווי אַ פּאָפּוגיי, און „נאָטהינג אַפטער״.

פאמאכעט האָט אויך געזען פאַרשווינען,
אינסטיטוציעס מיט הויך־קלינגענדע נעמען;
נעמען, מיט וועלכע מ׳דאַרף זיך נישט שעמען,
נאָר זייער טעטיקייט איז צו באַוויינען . . .

פאמאכעט איז אויך אין טעאַטער געווען,
ווו ער האָט באַרימטע קינסטלער געזען;
מ׳האָט מיט דערפאָלג אַ פּיעסע געשפּילט,
נאָר פאמאכעט האָט אַ ווייטיק דערפילט,
זעענדיק ווי מ׳טוט די אויגן פאַרבלענדן,
און מיט שונד טוט מען קונסט שענדן;
און ער האָט געפילט ווי מ׳דאַרף זיך שעמען,
נאָר די פראַגע איז בלויז — ווער פאַר ווען!!

און רעדסטו פון קולטור און ליטעראַטור —
וואָס ווייסן זיי פון אַזעלכע ענינים? —
אַז ביי זיי איז דאָ אַ וואָרט — „ביזנעס״,
וואָס מיינט אויף ענגליש — מזומנים . . .

פאַמאַכעט איז געגאַנגען זעען
די וועלט־באַרימטע „פעטיקאוט לעין״,
וווּ מ׳פאַרקויפט גרויסע מציאות:
כשרע תפילין מיט לאַנגע רצועות,
שמאַלץ־הערינג, כריין און פרישע בייגל,
און אַ קאַנאריקל אין אַ געגילט שטייגל.
„אונזערע״ באַווייזן אייך וואָס זיי קענען:
קליידער און קליידלעך, קרעפּלעך און קניידלעך,
און אַלץ, וואָס אייער האַרץ נאָר גלוסט,
איז חצי חינם — האַלב אומזיסט!
מ׳דינגט זיך, מ׳האַנדלט ווי אין כעלעם.
און היטסטו נישט די טאַשן גוט,
ווערט דאָרט באַלד עפּעס נעלם!

און טאַקע אין סאַמע „פעטיקאוט לעין״
האָט אַ לאַנדסמאַן פאַמאַכעטן דערזען,
און אים שלום געגעבן מיטביידע הענט,
נאָר פאַמאַכעט האָט אים נישט דערקענט.
בלויז ווען ער האָט אים גוט באַטראַכט
האָט פאַמאַכעט זיך שטאַרק צעלאַכט:
„דו ביסט דאָך יונה פּיפּערנאָטער
„דער דרדקא־מלמד; טאַטע־פאָטער!
„ביסט אַ גאַנצער פּריץ געוואָרן,
„נאָר ווי האָסטו באָרד און פּיאות פאַרלאָרן?״
„שאַ, שטיל!״ — ווערט יונה רויט און בלייך.
„איך בין נישט מער יונה פּיפּערנאָטער,
„איך בין מאַקס רויזנצווייג און גאַנץ רייך!
„איך האָב דאָ אַ גרויסע פאַבריק.
„זעסטו, מיין ליבער פאַמאַכעט,
„אַז גאָט העלפט און ס׳איז דאָ אַ ביסעלע גליק.
„איך בין אויך פּרעזידענט אין שול
„און האָב אַ „שאָפער מיט אַ ראָלס־רויס״;
„און צווישן אונז זאָל עס בלייבן,
„מ׳רעכנט מיך פאַר „איינעם פון די באָיס״.

„און מײַן אשת־חיל, חוה־גיטל,
„זי איז ווי אַ געבוירענע לײדי גאַר,
„און איז פֿאַרזיצערין אין „לײדיס גילד“
„און זי רופֿט זיך — מאַדאַם פּאַמפּאַדור!
„אויב דו ווילסט אַביסל צו מיר קומען,
„וועל איך נאָך דיר שיקן מײַן קאַר“.
און רעדנדיק האָט ער אים
מכבד געווען מיט אַ גוטן ציגאַר.
„דו וועסט זען מײַן פּאַמפּאַדור,
„און פֿון דער היים איבערגעבן גריסן.
„אויף דעם קאַרטל איז מײַן טעלעפֿאָן־נומער:
„אויב דו ווילסט צו מיר קומען, לאָז מיך וויסן.
„ס׳זענען דאָ כעלעמער לאַנדסלײַט,
„קענסט זײ זען אין אונזער פֿאַרײַן.
„אויב דו האָסט צײַט, קום אויף
„אונזער פֿאַרזאַמלונג צו גײן“.

פּאַמאַכעט גייט אָפּ־וועסט און זעט דעם פעסטיוואַל

פּאַמאַכעט איז געווען „אָפּ־וועסט"
און דערזען די שמוציקע געסט —
אַ נאַכט־לעבן אין סאַמע העלן טאָג;
אַן אַנשיקעניש, אַזאַ מין פּלאָג.
ס'דרייען זיך אַלט און יונגוואַרג
און מ'פֿאַרקויפֿט זיך אויפֿן מאַרק.
פּאַמאַכעט איז אין הייד פּאַרק געווען,
און אַ גאַנצע מענגע רעדנער געזען:
יעדער פּריידיקט דאָ אַ נייע „תורה",
און וויל דווקא פֿאַרקויפֿן זיין „סחורה".
ער האָט זיי מיט רחמנות באַטראַכט,
אַלע ווילן זיי דאָ דעם טאָג ברענגען
אין אַ וועלט פון שטאָקיק־פינסטערער נאַכט.
זיי רעדן ווי אין די אַלטע בבל־צייטן
מיט אומפֿאַרשטענדלעך־צעמישטע שפּראַכן.
פּאַמאַכעט הערט אַלעס פון ווייטן
און פילט, אַז דער טורעם האַלט אין קראַכן.

פּאַמאַכעט איז אין אונטערגרונט געווען
און דעם רעשיקן טומל געזען:
מענטשן, ווי מוראשקעס, יאָגן זיך,
איילן זיך; אַלעס אַזוי גיך.
דאָס לעבן אַרבעט אָן אַן אָפּהאַלט
ביז ס'גייען כחות אויס און מ'פֿאַלט.

פּאַמאַכעט האָט די טעמזע געזען,
אין „טאַוער אָוו לאָנדאָן" געווען;
און שטיל האָבן די ווענט צו אים גערעדט:
„קוק זיך גוט איין, ליבער פּאַמאַכעט.
„הער די סודות, וואָס די ווענט האַלטן,
„פון אַ פֿאַרגאַנגען לעבן, אַן אַלטן.
„די טראַגעדיעס, דיליידן אָן צאָל
„פון ריטער, פון העלדן, וואָס האָבן
די שענסטע חלומות באַגראָבן
אין די גראָע ווענט פון אַמאָל . . .

פאמאכעט איז אין בריטישן מוזעאום געווען,
ווו ער האָט די ביבליאָטעק געזען;
אוצרות, וועלכע האָבן צו זיך קיין גלייכן,
און באַוווּנדערט דעם אינהאַלט דעם רייכן.

ער איז אויך אין דער עגיפּטישער אָפּטיילונג אַריין,
באַהערשט מיט הייליקער רו פון טאָג־און־נאַכט שיין,
האָט ער די באַוועגלאָזע מומיעס געזעען
אַזוי, ווי זיי וואָלטן אין טיפן חלום זיין.
ער האָט די היעראָגליפן געלעזן
פון פּיראַמידן, פון טעמפּלען, פון ספינקס,
פון נילוס און פון פּרעהס, וואָס זענען אַמאָל געווען.

פאמאכעט איז געווען
אין סאַמע האַרץ — די „סיטי אָוו לאָנדאָן",
ווו ער האָט מלחמה־רואינען געזעען;
און ווו אוראַלטע הייליקטימער
ליגן צעשמעטערט אין טרימער.
האָט פאמאכעט געזיפצט מיט באַדויערן,
ווייל ווי אַ פאַרלאָזטער בית־עולם מיט מצבות
האָבן אויסגעזען די צעבראָכענע מויערן.
דער הימל איז אין שוואַרצן געהילט געווען,
ווי ער וואָלט איבער די חורבות טרויערן.

פאמאכעט האָט שטודירט די ענגלישע זיטן,
און גלייך זיין מיינונג געביטן . . .
ער האָט זיי דערזען אין ריכטיקן געשטאַלט,
אַפילו אין די היציקסטע דעבאַטן
זענען זיי רואיק, געלאַסן און קאַלט
מיט זייער דזשענטלמען־פּאָלירטע שפּראַך,
וואָס רעדט אַזוי וויניק און מיינט אַ סך!

ער איז אויך אין פעסטיוואַל געווען,
און פילע דערפינדונגען געזען:
דעם „דאום אָוו דיסקאָווערי" שטודירט
און שטיין געבליבן אַנטוישט, פאַרווירט,
אַז אין די אַלע אָנשטרענגונגען
— איז בלויז איין איינציקער צוועק באַהאַלטן
ווי זיך מיט דעם אַטאָם צו באַנוצן

און אים מיט אַ גרעסערן כוח שפּאַלטן.
זיי ווילן נאַטור צוימען, באַהערשן
און זי פאַר זייער שקלאַף מאַכן.
דאָך איין איבערפלוס, איין ערד־טרייסל
און זייער גרויסע הכמה האַלט אין קראַכן . . .

הילפלאָזע נאַראָנים, נאַרישע קינדער,
בעסער לערנט נאַטורס גוטסקייט צו באַנוצן;
לערנט פאַרשטיין דאָס גרעסטע וווּנדער!
זי קען אייך געבן אַ צופרידן לעבן,
און אייך פון אייערע געפאַרן שיצן.

פּאמאכעט איז אויך אין „פּלעזשור גאַרדן" געווען
און מיט גרויס צופרידנקייט געזען
ווי מענטשן קענען אויך קינדער זיין,
און עס האָט אים באַרוישט ווי אַלטער וויין.
ער האָט זיך אויך אין דער מענגע אַריינגעוועבט,
פאַרגעסן אין דעם ערנסטן לעבן,
אין זייער פאַרגעניגן מיט זיי מיטגעלעבט.

אַהיימקומענדיק, האָט פּאמאכעט זיך פאַרטראַכט,
ער האָט דערזען דעם ערנסט פון לעבן
מיט זיינע דארנדיק־פאַרצווייגטע געוועבן,
און זיין האַרץ האָט נאָגנד געשמאַכט.

„יוסף דעת יוסף מכאוב“

ווען פּאמאכעט איז אַרויסגעגאַנגען אויף דער
גרויסער מיט זון באַלויכטענער וועלט
און דערזען די אַרומיקע מענטשן,
האָט ער זיין פּנים פאַר בושה פאַרשטעלט.

זיין האַרץ האָט אויפגעציטערט פאַר שרעק,
און ס'האָט זיין ברוסט אים פאַרקלעמט;
זענען דאָס די, וואָס רופן זיך מענטשן? —
פילט ער פאַר זיך אַליין אַזוי פאַרשעמט.

ס'זענען זייערע פּנימער באַלאַדן
מיט פאָרכבאַרער מורא און זאָרגן,
זייער שמייכל איז אַ פאַרגליווערטער —
עס פייניקט זיי דער קומענדער מאָרגן . . .

אַן אומצוטרוי ליגט אויף זיי אויסגעגאָסן,
זיי טראָגן זיך אום מיט חשד און פאַרדאַכט,
אַז דער העלער טאָג ווערט פאַרטונקלט
מיט מורא פאַר אַן אומבאַוווסטער נאַכט!

אַז יעדער פון זיי באַטראַכט זיין ברודער
מיט בייזווייליקע כוונות, ווי אַ קין,
און זיי לייגן זייערע כחות אַוועק
אויף מעכטיק־צעשטערנד כלי־זיין.

געבויט איז שוין דער מולך־מזבח,
ווו מ'איז מקריב אייגן בלוט און פלייש;
שוידערט פּאמאכעט אויף מיט גרויס שרעק
און ס'באַשלאָגט אים מיט קאַלטן שוייס.

אַז דאָס גאַנצע האָב און גוטס ווערט פאַרשווענדט
אויף קאַנאָנען, אויף ביקסן און פולווער,
און דאָס גאַנצע איילעניש, דאָס געיעג,
איז שאַפן מעכטיק־צעשטערנד געווער;

אַז מ'האָט דעם „ואהבת לרעך כמוך"
אין גאַנצן אַרויסגעריסן פון האַרצן,
הערשט די תוכחה מיט אירע קללות,
און די זון פאַרציט זיך אין שוואַרצן . . .

צעשראָקן איז פאַמאכעט געזונקען,
דער „יוסף דעת יוסף מכאוב"
איז אויף זיין זינען אַרויפגעשווומען,
דערפילנדיק די לאָסט פון שווערן לעבנס־חוב.

ווידער איז דער מלאך געקומען

און ווידער איז דער מלאך צו
פּאַמאַכעטן אין חלום געקומען,
און אים וואַרעם אַרומגענומען;
צו אים אַזוי זאַנפט גערעדט:
„הער זיך צו, ליבער פּאַמאַכעט,
„איך ווייס דײַנע לײַדן זענען גרויס.
„וועל איך דיר טרייסט און מוט געבן,
„זאָלסט קענען איבערטראָגן דאָס לעבן;
„דיר לײַכטער מאַכן דעם וועג פֿאַראויס,
„ווײַל ווײַסט ווי מדבר, זאַמד און שטויב
„זענען די טרוקענע לעבנס-וועגן;
„אָנגעפּילט מיט שפּאָט, האַס און רויב,
„און צו דעם מענטשלעכן רוף
„בלײַבן די אויערן טויב.
„הייב דײַן שטימע מיט ריזן-קראַפֿט,
„גיס אין זיי אַרײַן דעם לעבנס-זאַפֿט,
„וואָס איז בײַ זיי פֿאַרלאָשן געוואָרן,
„און הייל זיי מיט דעם באַלזאַם.
„דערמונטער וואָס איז בײַ זיי פֿאַרלאָרן,
„עפֿן זייערע אויגן מיט אַ קלאָרן ליכט,
„פֿיל מיט הויכער, רײַנער דערהויבנקייט,
„וואָס זאָל זײַן דער פֿונדאַמענט-געוויכט
„פֿון אַ בעסער-קינפֿטיקער צײַט,
„דורכגעדרונגען מיט נשמה-געפֿיל,
„אַז דער אײנציקער לעבנס-צוועק
„זאָל זײַן דער אמת-ציל,
„געפֿילט מיט ליבשאַפֿט פֿון מענטש צו **מענטש.**
„זיי זאָלן געווינען צוטרוי צו זיך אַליין
„און פֿאַרשטיין דעם לעבנס-צוועק פֿון זײַן!"

ווען פּאַמאַכעט האָט דערוואַכט
פֿון זײַן לײַכטן שלומער,
האָט ער דערזען אַ ליכטיקן גלימער
אין דער פֿינסט׳רער נאַכט;
וואָס האָט זײַן האַרץ באַלײַכט
מיט ליכטיקער האָפֿנונג און טרייסט;
באַשפּונען מיט אַן אומבאַוווּסטער פֿרייד,
האָט ער זיך פֿון שרעק געפֿילט דערלייזט.

פאמאכעט ביים זשורנאליסטן פאריין

דער זשורנאַליסטן פּאַריין
האָט פאמאכעטן פאַרבעטן,
ער זאָל אַ רעפעראַט האַלטן;
זיי וועלן אים איינעם פאַראַנשטאַלטן.

האָט פאמאכעט די איינלאַדונג אָנגענומען,
און איז צו דער באַשטימטער צייט געקומען;
אַלע פּלעצער אין זאַאַל זענען געווען פאַרנומען.
דער פּאַרזיצער האָט אַן איינלייטונג געגעבן,
ווו ער האָט פאַרבנרייך געשילדערט
פאמאכעטס שאַפן און לעבן,
און אויך ציטירט זיינע פּאָעמען.
און דאַן פאמאכעטן געבעטן,
אַז ער זאָל דאָס וואָרט נעמען.

פאמאכעט האָט זיך געשטעלט אויבנאָן,
און אָנגעהויבן מיט אַ געלאַסענעם טאָן,
געדאַנקט דעם פּאַרזיצער און די פאַרזאַמלטע
פאַרן כבוד, וואָס מ׳טיילט אים צו.
„און איך, פון מיין זייט, וועל מיר געבן מי
„מיין רעפעראַט איבערצוגעבן געגוי און קלאָר —
„די טעמע איז: „פּאָעזי און ליטעראַטור״.

„שרייבן פּאָעזי מוז מען זיך קורץ פאַסן.
„מ׳מוז האָבן אינהאַלט און סטיל,
„געשריבן מיט נשמה, געפיל,
„פּסיכאָלאָגיש און מיט האַרמאָני,
„באַוועבט מיט פאַרב, ליכט און שאָטן —
„אָט דאָס איז עכט-קינסטלערישע פּאָעזי.

„ווי אַזוי דערציילונגען צו שרייבן?
„דער מחבר מוז אין זיין שאַפן גלייבן!
„עס מוז האָבן שפּאַנונג און אינהאַלט,

„פול מיט עמאָציעס פון עכטן לעבן.
„אָן אויסגעהאַלטענע טעכניק, זאָץ־בוי,
„איבערגעגעבן פּינקטלעך־גענוי,
„אַז דער לעזער זאָל עס זען און פֿאַרשטייַן.
„ריינע קונסט סײַ אין דערציילונג
„סײַ אין דיכטערישער פּאָעזי
„מוז באַזיצן מוזיקאַליש־ריטמישע האַרמאָני“.

פֿאַמאכעט האָט נאָך אַ לאַנגע פּאָעמע געלייענט.
די צוהערער האָבן מיט באַוווּנדערונג געשטוינט,
און אים מיט לאַנגע אַפּלאָדיסמענטן באַלוינט.

פאַמאַכעט ביים בן־אורי פּאַריין

אין „בן־אורי פּאַריין״ האָט פאַמאַכעט
איבער קונסט און קינסטלער גערעדט,
און מיט פּרטים איבערגעגעבן
דעם קינסטלערס שאַפן און ווירקן אין לעבן.

דער קינסטלער סאַי ביים מאָלן
סאַי ביים פאָרמירן זיין מאָדעל,
מוז האָבן די פּערספּעקטיוו,
זיין געוויסע פאָרם, זיין שטעל.

די לאַנדשאַפט מיט איר געבוי,
מיט הויכע בערגער און טאָלן,
מיט ליכט־שאָטן און בוימער,
ווען זיי ווערן געמאָלן. —
מוזן באַזיצן כאַראַקטער
און איינגנאַרטיקייט ;
זיי מוזן אַריינוועבן
אַלץ, וואָס ליגט צעזייט, צעשפּרייט.

מאלן די רייפע קאָרנפעלדער,
מיט זון־באַגילדטע זאַנגען,
די קאָלירפולע שניטער,
מיט בליציקע מעסער־קלאַנגען.

אויך אַ פליסנד טייכעלע,
און שעפּסעלעך אויף גראָז,
דאָס איז אַ פּרעכטיק בילד,
וואָס ברויך קיין פאַרגרעסער־גלאָז.

דער סקולפּטאָר, מיט זיין דלאטע,
מעג עס זיין אין גיפּס אָדער ליים,
מוז מען די ליניעס, די שטריכן,
אַרויסברענגען צאַרט און פיין.

ס'מוז קרעפּטיק־סימבאָליש זיין,
און אָטעמען מיט לעבן;
מ'מוז דערין געפילן
און נשמה אַריינוועבן.

פּאַמאַכעט האָט אַרומגערעדט
וועגן קאָליר, ניואַנסן און פאַרב,
און באַוויזן די באַטייטונג
פון סקולפּטאָרס מינדסטן קאַרב.

פּאַמאַכעט האָט אויך געשילדערט
אַ האָריזאָנט מיט בלאָ־גראָע געוועבן
באַזוימט מיט גין־גאָלדענע פּאַסן —
אַ בין־השמשות, וואָס האַלט אין פאַרשוועבן.

פאַרענדיקט האָט פּאַמאַכעט,
„מאָלן אַ בילד, טאַקן אַ פיגור,
„מוז מען האָבן פאַנטאַזיע
„און גוט קענען די נאַטור".

פאמאכעט ביי א חנוכה-פארוויילן

פאמאכעט איז אויך געווען
ביי אַ חנוכה־פאַרווײלן.
אַ חוץ חנוכה־ליכט האָט ער געזען
אַ „קריסטמעס״־בוים; ס׳איז פיל צו דערציילן.

דער זיידע האָט ליכטלעך געבענטשט
און געזונגען „מעוז צור״,
און די אייניקלעך האָבן „קאראלס״
געזונגען — גאָר אַ נייער שיר...

מ׳האָט „ראָוסט־טערקי״ געגעסן,
און מיט „קריסטמעס־פודינג״ פאַרביסן;
דער זיידע איז אין אַ ווינקל געזעסן
מיט געפייניקטן געוויסן.

דער נייער דור, וואָס וועט פון אים ווערן? —
זיפצט ער מיט אַ פאַרקלעמטער ברוסט;
אַן אויפהער קייקלען זיך טרערן —
אוי, ווי ס׳ווייטאָקט, ווי עס פאַרדריסט!

מאָדנע מנהגים איז דאָס ביי זיי —
מנהגים, הער, זע און פאַרשטיי, —
אַז מיר היטן זייערע ימים־טובים
נאָך פיל שטרענגער ווי זיי.

אין די שולן פראָוועט מען חנוכה
אויף אַן אמתן שטייגער:
מ׳בענטשט ליכטלעך און מ׳איז עוסק
אין הלכות קאָרטן ביז שפעט דעם זייגער.

די רעוורענדס שפילן אויך מיט,
און האָבן אַ ניגון פאַר יעדער קאָרט;
אַ וישמחו ביי אַ טויז;
אויף אַ ניינטל אַן עוזר דלים וואָרט.

איר דערקענט באַלד אין זייעד מינע
ווען ער מאַכט מי שבירך איבער אַ גינע,
און ביי אַ צווייטער קאָרט גלייך
זינגט ער אונטער נאָך אַ חצי
מיט אַ פאַלצעט צאַרט און ווייך.

די רעווערענדס זענען מומחים
און קאָנען גוט די „תורה״,
און אַ טיאמנע איז ביי זיי
די אמת־ריכטיקע סחורה . . .

דאָ קען מען בלינד שלאָגן
וויפל ס׳האַרץ נאָר גלוסט;
און וואָס איז מיט אַ כתר בעסער,
אַז אַ האַלבע גינע איז מיסט.

ס׳איז חי געלעבט, ווי אין פסוק שטייט —
דער נס־חנוכה איז געוויס גרויס,
נאָר נאָך גרעסער איז דער נס,
ווען מ׳קריגט די פערטע טויז . . .

פאמאכעט זעט דעם טשעלסי ארט־באל

פאמאכעט איז אויך געווען
אויף דעם טשעלסי אַרט־באל
אין דעם גרויסן אַלבערט־האָל,
ווו ס׳יונגוואַרג איז זיך משמח
אין בלענדנד־קאָלירקע קאָסטיומען
פון סימבאָלישער באַטייטונג,
געשמאַקפול און פאַרבנרייך.
— ס׳איז כדאי צו באַריכטן אין כעלעמער צייטונג —
זיי פייערן דעם ניי־יאָר היינט
מיט עקסטאַז, פרייד, צעשיינט;
מיט געטראַנק, מיט טאַנץ און מוזיק,
פאַרשכורט פון ערדישן גליק.
ס׳לעבן וויל נישט וויסן פון קיין זאָרגן,
און מ׳פאַרגעסט, אַז עס קומט אַ מאָרגן . . .

די גלאָקן האָבן די צוועלפטע שעה געקלונגען,
מ׳האָט „אַלד לענג סיין״ געזונגען,
און מיט אַ דונערנדע הוראַ,
און מיט אַ פייערדיקן געשריי.
האָבן ליפּן מיט ליפּן זיך באַהאָפטן
און אָרעמס אין אָרעמס געפלאָכטן.

פאמאכעט האָט די סצענע באַטראַכט
און מיט ביטערניש געלאַכט.
די געמאַכטע פרייד האָט אים דערשיטערט,
ער האָט געפילט ווי זיינע אברים
האָבן פאַר קעלט אויפגעציטערט,
אַז הינטער יעדער מאַסקע האָט ער דערקענט
אַ ווייטאָק, וואָס בראָט, וואָס ברענט;
אַז אין דער וויברירענדער פרייד
איז צו דערטרינקען די פרעסענדע לייד;
אין זייער הורא־געשריי
האָט ער דערהערט אַ ווידערקול

ווי פון אַ נאָגנדן וויי.
מ׳וויל ס׳פאַרגאַנגענע יאָר דערטרינקען
מיט אַ געקינסטלט, געמאַכטן גליק.
נאָר פאַמאַכטע האָט געזען
די ברענענד־קראַכנדע בריק,
האָט ווייטאָק אים אַרומגענומען.
ער האָט די אַרומיקע באַדויערט
ווען זיי וועלן פון זייער פרייד ניכטער ווערן
און די דראָענדע געפאַרן זען און הערן.
עס רוישט אַלעס מיט קאָליריקן גלאַנץ,
מיט געטראַנק, מוזיק און טאַנץ:
הוליעט, הוליעט היינט גאָר אָן זאָרגן!
ווער וויל טראַכטן פון אַ מאָרגן?
„שמח בחור בילדותך״ . . .

פאמאכעט אין א וועסט־ענד האטעל

פאמאכעט איז אין אַ וועסט־ענד האָטעל געווען
און די סביבה אַרום זיך באַטראַכט ;
איז פעטיקאוט לעין אויף זיין זכרון געקומען,
ווען ער האָט די אויגן פאַרמאַכט.

די זעלבע מסחרים אויף אַן אַנדערן שטייגער :
מ׳עסט, מ׳טרינקט און מ׳קוקט אויפן זייגער.
עס זענען די זעלבע ביזנעס־לייט,
נאָר זיי איילן זיך, זיי האָבן קיין צייט.

מ׳האַנדלט מיט רעכט־און־לינקע סחורה,
און מ׳פאַרהאַנדלט זיך פריי, אָן מורא ;
דער הו־האָ, דער טומל, גייט דאָ אָן,
דערטרינקענדיק דעם אָרקעסטער־טאָן . . .

ס׳דרייען זיך אַרום פיגורן,
אין וועלכע מ׳דערקענט כאַראַקטער
פון פאַרשידנאַרטיקע פאַכן —
אַן אַרטיסט, אַ מאלער, אַ דאָקטאָר.

ס׳איז אַ מיש־מאַש, אַ שמעלצטאָפּ
פון פאַרשידענע ראַסן און שפּראַכן ;
ס׳דרייען זיך אויך פאַרדעכטיקע פיגורן,
וואָס לויערן, וואָס וואַכן . . .

פאמאכעט האט שמואל וואהלטן געטראפן

פאמאכעט האָט שמואל ווהיטן געטראָפן,
איז ער דעם וועג אים פאַרלאָפן:
פון מיר וועסטו זיך ניט אַרויסדרייען,
האָב קיין מורא ברודער כ'וויל קיין געלט לייען;
נאָר כ'וויל זיך פשוט אַדורכרעדן מיט דיר,
דו שרייבסט דאָך אַזוי פיל אָן אַ שיעור,
און מ'זעט עס ניט אויף דער ווייסער ליכט.
(גלויב מיר ס'איז ווערט לעזן דיינס אַ געדיכט).
נאָר פאַר ווען באַהאַלטסטו עס?
צייט שטייט ניט, לעבסט דאָך ווי אַ מת!
אַלע חכמת אין זיך שטיקן ביז ווען?
פאָלג מיך, באַווייז דיך ס'איז ניט שיין,
אַ ביישן צו זיין ס'גאַנצע לעבן,
מעגסט זיי פון דיין אוצר אויך עפּעס געבן.
ס'זענען דאָ געדרוקטע זאַכן,
נאָר ס'לוינט דעריבער ניט רעדן . . .
(כ'וויל קיין ביז לעבן ניט מאַכן).
זענען דאָך דיינע אמתע פערלדיקע זאַכן!"

שמואל ווהיט האָט זיך אַביסל פאַרשעמט:
„איך מוז דיר דעם אמת זאָגן ברודער, פאמאכעט,
אַז איך רעכן זיך איבערהויפּט ניט פאַר קיין פּאָעט;
אַז מיין גאַנץ שרייבן, מעגסטו מיר גלויבן,
איז בלויז פאַר מיין אייגענער צופרידנהייט,
און ס'איבריקע לייג איך אַוועק אָן אַ זייט.
און אַז מ'וועט ניט וויסן פון שמואל ווהיט,
מיט זיין גאַנצן שרייבן?
וועט די וועלט נאָך אַלץ וועלט בלייבן . . .
איבערהויפּט וויל איך ניט קאָנקורירן
מיט פּראָפעסיאָנעלע דיכטער,
איך וועל דערביי ווייניק געווינען,
און נאָך מער פאַרלירן.
וויל דרוקן, ברודער, קאָסט געלט,
און געלט איז ניט לייכט צו געפינען".

פאמאכעט האָט אויף וועהייטן אָנגעהויבן שרייען:
„אויב דיר פעלט חלילה געלט אויס,
וועל איך דיר אָן אַ חתימה לייען!!"
וואָס ווייטער איז געוועזן לוינט זיך ניט באַשרייבן,
זאָל עס שוין בעסער פאַרשוויגן בלייבן.

פאמאכעט דער כעלעמער פאעט קומט אויף

שמואל ווהייט׳ס באנקעט

אויסהערנדיק די לויבגעזאַנגען,
איבער שמואל ווהייט, דעם דיכטער,
און איבער זיינע נשמה קלאַנגען,
האָט פאמאכעט דער כעלעמער פאָעט
זיין ציגן־בערדל געגעבן אַ גלעט,
און דערנאָך געגעבן אַ לאַנגען גענעץ,
און געזאָגט:
„לויבן מוז אויך האָבן אַ גרעניץ! . . .
אויב איר וועט מיר דערלויבן,
וויל איך אויך האָבן אַ וואָרט —
„מיין רעדע״, האָט ער אָנגעהויבן:
„וועט זיין פון אַן אַנדער סאָרט!
עס וועט ניט זיין מיט לויבן.
איך וויל שמואל ווהייטן אַ פראַגע שטעלן,
(כ׳וויים ס׳וועט אים אפשר ניט געפעלן)
נאָר כ׳וויל, אַז ער זאָל מיר
אַ קלאָרע תשובה געבן,
וואָס האָט ער נעבעך געוואָלט
פון מיין אָרימען לעבן?
ער האָט פון מיר געמאַכט אַ מאָדנע פיגור,
מיט אַ ציגן־בערדל און אַ הויקערדיקע נאָז,
און ווייסט איר אַלץ צוליב וואָס?
און כדי מ׳זאָל פון מיר נאָך מער לאַכן,
האָט ער נאָך געוואָגט, מיך —
פאַר אַ כעלעמער שוטה צו מאַכן!
ער האָט מיר אַ מאָדנעם נאָמען געגעבן,

פאמאכעט דער כעלעמער פאָעט.
עס איז שוין אַזוי וויט געקומען,
אַז מ׳האָט מיך אַלס מוסטער גענומען,

ווייל מען איינעם פאַר אַ שוטה פאַרשטעלן,
איז דער נאָמען פאַמאַכעט
זיי אָמבעסטן געפעלן.
וואָלט דאָס מיר אַלעס שוין ניחה זיין,
וואָס ווייס אַ נאַר פון בושה, פון פיין?
פאַרגלוסט זיך שמואל וואייטן, מיט אַמאָל,
מיך פאַר אַ גרויסן חכם צו מאַכן,
(וואייט קען באַווייזן אַזעלכע זאַכן).
לאָזט ער מיך שוין גאַר פילאָזאָפירן,
און מיך אין גאַנץ אַנדערע ספערן פירן,
האָב איך מיט אַנדערע אויגן דערזען מיין פיגור,
מיין הולך, מיין גאַנצע קאַריקאַטור;
פרעג איך אים, וואָס האָט ער פון מיין
אָרעם לעבן געוואָלט האָבן?
מיך אַזוי ניין קלאַפטער טיף
אין דער ערד צו באַגראָבן?!"
זיין פנים איז מיט טרערן געוועזן באַנעצט,
ווען פאַמאַכעט האָט אַ מידער זיך אַנידערגעזעצט.

— — — — — — — — — — —

שמואל וואייט האָט זיך אויפגעשטעלט,
„הער, מיין ליבער פאַמאַכעט", האָט ער אָנגעהויבן:
„אמת, איך האָב דיך געברענגט אויף דער וועלט,
פון דיר אַ מאָדנע פיגור געמאַכט;
כ'בעט דיך, זיי מיר מוחל, מעגסט מיר גלויבן,
אַז ווען מ'האָט פון דיר גע'חוזק'ט, געלאַכט,
האָט מיין האַרץ פאַר ווייטיק אין מיר געבלוטיקט,
האָב איך דערפאַר — טאַקע דיך,
מיט וויסן און חכמה פאַרגיטיקט.
יעצט דערפיל דו אַליין,
דעם ביטערן טעם „פון זיין"
דעם לעבנס־סם מיט זיין פיין.
זע די וועלט, אין וועלכע עס לעבן
די וואָס רופן זיך מיט שטאָלץ מענטשן!
אדרבה גיי — און פאַרבעסער זיי!
און זאָל דערפאַר דיך גאָט בענטשן".

פאַמאַכעט האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ,
ווי ער וואָלט עפּעס וועלן זאָגן;

(ער האָט אויסגעזעען האַלב צוטראָגן),
אויף זיין פּנים האָבן זיך ליידן באַוויזן,
ליידן — וועלכע ער וועט לאַנג נאָך טראָגן.

און ווען ער האָט מיט ווהייטן זיך געזעגענט,
האָבן זיך זייערע בליקן מיט טרויער באַגעגענט,
און אָן ווערטער האָבן די אויגן גערעדט:
ווער פון אונז איז דער ליידענדער פאַמאַכעט.

פאמאכעט דער כעלעמער פּאָעט

פריטלעך, שלח-מנות און לאַטקעס

פריטלעך לכבוד פורים

דעם „זשורנאַליסטן פאַראײן"
װינטש איך מיטגלידער װאָס זאָלן צאָלן;
דעם „בן־אורי" באַגאַבטע קינסטלער,
װאָס זאָלן קענען מאָלן.
„פרײנט פון יידיש לשון" מיטגלידער
װאָס זאָלן קענען אויפזײן,
װען מ'לײנט שמואל װהייט'ס לידער;
שטענצלען ראָט איך, װי „אַ נאָש בראַט",
טשאָלנט און קוגל טײלן צו זאַט,
װאָלט ער נאָך אַ גרעסערן עולם געהאַט.

א. מ. קײזער

מורה מרינו רבי ר' קײזער,
שרײבן הומאָריסטישע פעליטאָנען
און פאַרן האָנאָראַר קױפן קענען
אַ גרויסן „עסטײט" מיט פײנע הײזער,
נאָר װי איך הער, קאָן ער
פאַר זײן האָנאָראַר
אַפילו ניט קױפן,
ס'אַש פון אַ שלעכטן ציגאַר . . .

א. נ. שטענצל

שטענצל דער דיכטער און דענקער
זאָל אויפהערן שרײבן פאַר יחידי־סגולה'
אַלײן,
װײל מיר „די פראָסטע װי וקימס"
װילן אויך עפּעס פון זײן שרײבן
פאַרשטײן.

יוסף הלל לעווי

װו זײנען דײנע „פרומע געזאַנגען"?
מיט אַן אַלט אָפּגעלעבטער זונה,
מאַכסט דו דאָך טמא דײנע כשר'ע
קלאַנגען,
ביזט דאָך אַלײן דיר אַ דם שונא.

י. ל. פײן

מײן חשובן חבר י. ל. פײן
זאָל מיר די עולה מוחל זײן,
װען כ'װעל אים געבן צו פאַרשטײן,
אַז ער זאָל קײן בטלן ניט זײן;
װען ער דאַרף אַ פאָרזיצער װײלן,
זאָל ער שמואל װהייטן ניט נעמען,
װײל אַ שלימזל װאָס רעדט ניט,
װעט אים פאַרן עולם בלויז פאַרשעמען.

דעם רעדאַקטאָר פון „דער יידישער שטימע"

הערט ליבער „פּאַני" רעדאַקטאָר
פון „דער יידישער שטימע",
האָט אַביסעלע רחמנות
אויף דער יידישער אומה,
און געט אונז עפּעס רעכטס,
מיר קענען פאַרדײען
אַ בעסער ביסל געקעכטס.

דעם יידישן טעאַטער

דעם יידישן טעאַטער
װיל איך ניט קריטיקירן צופיל,
נאָר אין אַ פראָסטן מיטװאָך
פראָוועט ניט קײן פורים־שפּיל. "

ש. י. דאָרזפאָן

דער קעניג פון לאַמפּעדוסא,
װי איך הער עס,
און מיט אַ נײער פּיעסע
װידער מעוברת.
שוין פאַרן פינפטן סעזאָן,
קאָן איך מיך װעטן,
קען מען שוין לאַנג ניט
באַקומען קײן בילעטן.

קיטי בראון

מײן ליבע קיטי'ן
װאָלט איך שטאַרק בעטן,
אַז זי זאָל אָנהײבן צו באַשרײבן
טרויריקע זאַכן,
װײל דער עולם
איז שוין מיד
פון צופיל לאַכן.

למך השלישי

„למך השלישי" ראָט איך,
ער זאָל ניט אַרבעטן צו שװער;
ער טאָר ניט פאַרגעסן,
אַז אַזאַ זקן װי ער,
װאָס איז אין מושב־זקנים געװעזן,
איז גלײכער, אַז אָנשטאָט שרײבן,
זאָל ער זיך בעסער נעמען צום לעזן.

שלמה אויערבאך

װינטש איך היציקע דעבאַטן,
פון אַלט פאַרגאַנגענע צײטן,
און מיר זײן חריפות באַװײזן,
זײן געגנערס גראָבע גרײזן.

סעם גאָלדבערג און עלען װינאגראד

ס'לײגט זיך מיר ניט אויפן פאַרשטאַנד:
אַ פּאָרל װאָס באַזיצן קינסטלער טאַלאַנט,
(און בײ מיר בלײבט עס אַ חידוש)
אַז אין זײערע „פאָלקס קאָנצערטן"
באַנוצן זײ מער „גויאיש װי יידיש",
און װי איך הער,
אַרבעטן זײ שװער,
צו מאַכן אויף „גויאיש" אַ יידישן קידוש.

משה עובד

משה עובדן ווינטש איך,
ער זאָל אַרויסגעבן אַ נײַ בוך;
און ווען ער וועט עס פאַרטיילן,
זאָל ער חלילה ניט פאַרפעלן,
בײַצולייגן איינע פון זײַנע יוועלן,
וועט עס די לעזער בעסער געפעלן.

שמואל וואהייט

שמואל וואהייטן אַן עצה־טובה,
ער זאָל אויפהערן דרייען אַ ספּאָדעק,
מיט זײַנע „תפילות און יעלות";
מ'קאָן אים נאָך רעכענען פאַר אַ צדיק
און פאַרלאַנגען ער זאָל פּסקענען שאלות.

שלח־מנות

א. נ. שטענצל:

מורה מרינו רב שטענצל,
בין איך מכבד מיט שלח־מנות,
אַן אייגענעם פאַרלאַג,
מיט דרוק־פּאַפּיר
גאָר אָן אַ שיעור,
ער זאָל קענען
זײַנע פּאָעמען
בהרחבה דרוקען,
כדי די לעזער
פון „לשון און לעבן"
זאָלן זיך מיט זיי
קענען קוויקען.

בן־א. סאָכאַטשעווסקי:

בין איך מכבד מיט שלח־מנות,
אַ נייעם אויסגעבויטן בנין,
מיט אַ טוץ „ליינאָטייפּ" מאַשינען,
מיט קאָרעספּאָנדענטן כאָטש אַ מנין
(מ'זאָל קענען אויף אַ לעבן פאַרדינען).
דערפאַר זאָל „די יידישע שטימע
דערשײַנען
כאָטש בלויז צוויי מאָל טעגלעך,
אַן אָוונט צײַטונג אויך אונז געבן,
אויב מ'וויל איז אַלעס מעגלעך.
דערפאַר זאָל ער למען השם זען,
אַז עס זאָל אַ נס געשעען,
ס'זאָל זײַן אין זיי „וואָס צו לייענען".

שמואל וואהייט:

בין איך מחבד מיט שלח־מנות,
אַ פולן טעלער מיט גראַמען,
ווי עס פּאַסט פאַר אַ דיכטער,
צאַרטע גראַמען, וואָס זאָלן אויך
פלאַמען,
אַז אַפילו ביי אַ פּורים כוסה
מוז ער אַלץ בלײַבן ניכטער.
וויסן ווען שמייסן און ווען גלעטן,
און מיט קאָליריקע ניואַנסן
מאָלן זײַנע כאַראַקטער פּאָרטרעטן.

י. א. ליסקי:

בין איך מכבד מיט שלח־מנות,
אַ פיין געפלאָכטענעם פּורים־קוילעטש,
געבאַקן מיט זאַפרען, צוקער און מאָן;
דערפאַר זאָל ער זען אויפוועקן
זײַן שוין לאַנג פאַרשלאָפענעם האָן.

שלמה אויערבאַך:

בין איך מכבד מיט שלח־מנות,
אַ טוץ שיינע פרויען פאַרערער,
(ער זאָגט צוויי טוץ איז מערער)
וואָס זאָלן ביי זײַנע רעפּעראַטן,
זײַן זײַנע באַגייסטערטע צוהערער.
און כדי אים צו אינספּירירן,
זאָלן זיי זיך צווישן—
די רעפּעראַטן—
מיט אים וואַרעם צעקושן.

י. ל. פיין:

מיין חשובן חבר י. ל. פיין
וועל איך מיט שלח־מנות מכבד זײַן,
מיט די גאָר ערשטע אַרכיוון,
פון דעם מענטל מייקער פאַראיין,
ווו ער וועט פון זיי קענען אַרויסוועבן
דעם באָס מיט די וואַרשטאַט,
מיט דעם גאַנצן סוועטער לעבן.

הרב ר' יהושע שפּעטמאַן שליט"א:

בין איך מכבד מיט שלח מנות
אַן אויסגעהאַמערטע מנורה
מיט אַכט בצלאל רערן,
אויך אַ שופר מ'זאָל קענען
משיח שאַלן דערהערן,
אַז עס זאָל פון דער וועלט
אָפּווישן די מענטשן־טרערן;
כ'שענק אים אויך אַ מגילה,
ער זאָל זוכה זײַן צו דערלעבן
אונזער פאָלקס גאולה.

יוסף הלל לעווי:

בין איך מכבד מיט שלח־מנות,
פאַר זײַנע תפילין רצועות,
אויך אַ ווייסע גענזענע פעדער
מיט כשרע יריעות,
געמאַכט פון הערשענע לעדער,
ער זאָל מיט קדושה שרײַבן
זײַנע שטיל־פרומע געזאַנגען,
פול מיט בטחון און גלויבן.

למך השלישי:

בין איך מכבד מיט שלח־מנות,
אַ נײַ סענקעװאַטן שטעקן,
ער זאָל ניט דאַרפן אונטערהינקן,
איך װיל פון שלאָף אים װעקן,
אַז ער זאָל װידער שרײַבן מיט אַ ברען,
עס זאָלן אַזש פליען פונקען;
איך װײס אַז מײַן פרײַנד למך קען,
אַפילו אויף דער גראָער זקנה
קען ער נאָך יוגנטלעך זײַן!
מיר װילן נאָך געניסן
פון דעם שטאַרקן זיסן
דערפרישענדען װײַן.

מיסטער מינדעל:

מײַן חשובן פרײַנט מיסטער מינדעל,
בין איך מכבד מיט שלח־מנות,
אַ גוט פּאָלירטן צימבל,
אויף אַ הונדערט נײַע לידער
װעט ער פון די סטרונעס אַרױסװעבן
פּאָלקסטימלעך זיסע מעלאָדיען
װאָס װעלן צעגײן אין די גלידער.
אמת, מיר האָבן זײַן שפּילן
זער־זער גערן,
נאָר איך ראַט אים ער זאָל װיסן
װען אויפצוהערן.

י. ל. ביטש:

חבר יהודה לײב־ביטש,
שלח־מנות אַ זאַפּטיקן „פּיטש",
עס זאָל אים מער כוח געבן,
צו האַלטן אַ העכערן ספּיטש.
און פאַר זײַן שאַפן׳
װיל איך שטאַרק האָפן׳—
אַז עס הױבט זיך ערשט אָן:
די שילדערונג זײַנע
האָבן אינהאַלט
און אַ פײַנעם טאָן.

חבר איזיק גאָלדבערג:

בין איך מכבד מיט שלח־מנות,
מיט אַלערלײ פּרוכט מיט אַ פולע האַנט
פאַר זײַן געפּילפּולן פאָרלעזן,
װאָס שפּרודעלט מיט טאַלאַנט.

חבר נעט רובין:

בין איך מכבד מיט שלח־מנות,
אַ פײַן געפּילטן טאָרט,
פון דעם בעסטן סאָרט,
דערפאַר זאָל ער בײַם רעציטירן
„אונז געבן
מער לעבן,
אין דעם ײדישן װאָרט".

א. מ. קײזער:

מײַן חשובן חבר א. מ. קײזער,
בין איך מכבד מיט שלח־מנות,
אַן עסטײַט מיט שפּאָגל־נײַע הײַזער.
איך קאָן אויך באַשטײן,
אַז עס זאָל דאָרט זײַן,
אַ גאַנץ באַקװעמע הײם
פאַרן זשורנאַליסטן פאַראײן,
װו מ׳זאָל קענען פּראַװען באַנקעטן
פאַר ליטעראַטן און פּאָעטן,
מ׳זאָל אויך דאָרט האַלטן רעפעראַטן
פון מאָדערנע און אַלטע צײַטן.
ס׳זאָל אויך זײַן פײַן געבעטע פּאָטעלן,
אַזױ װיל איך שטאַרק האָפן,
כדי מ׳זאָל בײַ די רעפעראַטן,
באַקװעם קענען אײַנשלאָפן.

קיטי ברואן:

בין איך מכבד מיט שלח־מנות,
אַ קיצלדיקן אַפּאַראַט,
כדי זי זאָל קענען מאַכן
גאַנץ װײַטשעפּל הילכיק לאַכן.

חנוכה לאַטקעס

א. נ. שטענצל:

שטענצלען אַ לאַטקע, אַ הײסע,
געפּרעגלט אויף רײנעם בױמל,
אַז מ׳װערט ניט נכשל בײַ זײַנע פּאָעמעס,
מעג מען מיט כװנה בענטשן גומל.

שמואל װהײַט

שמואל װהײַטן אַ לאַטקע, אַ ברענענדיקע,
װאָס זאָל אים אָפּבריען די צונג,
װעט ער פאַרשפּאָרן אַרױסרעדן,
װאָס בײַ אים ליגט אויף דער לונג.

למך השלישי

מיט צװײ לאַטקעס. איר מעגט מיר גלױבן,
כ׳װינטש זײ זאָלן אים װױל באַקומען,
װײַל ער האָט מײַן עצה גענומען
און אויפגעהערט צו שרײַבן.

בן־א. סאָכאַטשעװסקי

בן־א.סאָכאַטשעװסקין אַ שײנע לאַטקע,
װי ס׳פּאַסט פאַר אַן עדיטאָר,
נאָר מיט אַ באַדינג אַז מיט זײַן שרײַבן,
זאָל ער נישט זײַן קײן אינקװיזיטאָר.

י. ח. קלינגער

קלינגערן גאָר אַ גרױסע לאַטקע,
ער זאָל זיך מיטן ײדן קענען טײלן,
כדי זײַן באָבען אַ געלעגנהײט געבן,
אפשר װעט זי מער װי דער זײדע
דערצײלן.

שלמה אויערבאַך

שלמה אויערבאַך אַ לאַטקע מיט גריוועו,
און מיט ציבעלעס אַריינגעריבן,
אַזוי ווי ס׳שטייט אין פסוק געשריבן,
עס זאָל אים געבן מער כוח,
אויסצונוצן זיין שאַרפן מוח,
פאַר היציקע וויכוחים וואָס ער ברויך,
באַווייזן מיט פלפולים און סברות,
פון מהרש״א, תוספות און גמרות,
אַז ער קען, און זיין געגנער איז —
אַן עם הארץ!

א. מ. קייזער

קייזערן אַ לאַטקע מיט כריין,
ווי עס פאַסט פאַר אַ מלך,
וואָס שרייבט הומאָר גאָר פיין,
וואָס מאַכט דעם עולם לאַכן,
ביז ס׳ווערט לעבעדיק און פריילעך.

הצופה

אויף „הצופה" האָב איך אַ חשד,
צי זאָל איך אַ לאַטקע אים געבן,
מיר דאַכט זיך אַז אונטער דעם נאָמען,
האָט זיך גאָר „למך השלישי", זאָל לעבן,
אַ מאַסקירטער באַהאַלטן.
איצט זע איך דעם גאוני׳שן איינפאַל
פון אונזער למך דעם אַלטן.
ער וויל ביי מיר אַ לאַטקע אויסנאַרן,
נאָר ביי וווהייטן וועט ער׳ס ניט קריגן,
ער איז אין הלכות נאַרעריי דערפאַרן
און באַלד אַנטדעקט למך׳ס ליגן. ..

מאַקס הערשמאַן

אַ לאַטקע געפרעגלט אויף פוטער,
אַ פיינע אַ באַטעמטע גאָר גרויס,
שענק איך אים פאַר זיין „בראשית",
און נאָך איינע געב איך אים אין פאָרויס,
אַז ער זאָל אונז נאָך שרייבן אַ „שמות".

קייטי בראון

געפרעגלטע לאַטקעס
מיט ענערגישע „וויטאַמינען",
וועט זי אפשר כוח געפינען
אין איר גרויסן „אונטערנעמען",
אויפצולעזן פאַרפלאָנטערטע
„איינזאַם ווייבערישע פראָבלעמען".

יוסף הלל לעווי

בין איך מכבד מיט אַ לאַטקע אַ שיינע,
פאַר זיינע לירישע געזאַנגען די פיינע,
געפרעגלט מיט אמתן „שמן זית זך",
און נאָך איינע — פאַר „די גילדענע
רויז" זיינע,
וועלכע מיר ווילן פון זיי אַ סך נאָך.

י. א. ליסקי

דעם מחבר י. א. ליסקי
בין איך מכבד מיט אַ גלאָז וויסקי,
און אַ פעטע לאַטקע צו פאַרבייסן.
ווען ער שרייבט „מלאכה בזויה",
איז עס פאַר אים נישט קיין מציאה,
ס׳צאָלט זיך נישט מיטן עולם
איינצורייסן.

מיסטער דאָמב

מיין חשובן חבר, מיסטער דאָמב,
בין איך מכבד מיט שלח מנות,
אַ העל לייכטענדע „אַלאַדין"־לאָמפ,
אַז ער זאָל קלאָר קענען לעזן,
אַלץ וואָס איז מאָל געוועזן,
וועט עס אים גאַנץ גענוי באַווייזן,
אַז מ׳טאָר ניט מאַכן קיין גרייזן,
און ווען ער שילדערט „אַ געשעעניש",
זאָל עס ניט אַרויסקומען אַ פאַרזעעניש.

ל. ש. קרעדיטאָר

וואָס טויג אייך באַשרייבן
„מאַשינקעס" נייע ראָמאַנסן?
אַז אין אונזער אוצר דעם אַלטן,
זענען אין פערלדיקע ניואַנסן,
די שענסטע שיר־השירים׳ס באַהאַלטן;
און איר זענט דאָך דער
וואָס קען נאָך מערער — ווי מער,
פאַר אונז מיט קלאָרקייט אַרויסהעבן
די אוצרות פון אַ רייך פאַרגאַנגען לעבן.

סעם גאָלדבערג און עלען ווינאָגראָד

סעם גאָלדבערג און עלען ווינאגראד
בין איך מכבד מיט שלח מנות,
אַ גרויסע פלאָטע „פענטעקניקאָנען",
מיט וואַגאָנען גאַנצע מיליאָנען,
אַז זיי זאָלן גאַנץ אַמעריקע קאָנען,
דאָ נאָך ענגלאַנד אַריבערברענגען.
וועט עס זיי די הוצאות שפּאָרן,
אַז זיי וועלן מער ניט דאַרפן
אַזאַ וועג אַהין־און צוריק פאָרן.

פאמאכעט

אונזער גאַסט פאמאכעט,
דעם כעלעמער פאָעט,
אַ לאַטקע געפרעגלט מיט אייער,
מיט חנוכה־געלט אַ גאַנצן צוויייער,
טאַקע אין באַרע מזומנים,
מיט איין איינציקן באַדינג בלויז,
אַז ער זאָל אין כעלעם נישט באַשרייבן,
אונזערע לאָנדאָנער נאַראָנים.

עפּיגראַמען און סתם אַ גראַם

צו אַ געוויסן נאָוועליסט

דיינע נאָוועלן,
מוז איך מודה זיין,
זענען מיר גאָר געפעלן.
דער דרוק און ס׳פּאַפּיר
זיינען אויסגעצייכנט גוט,
אַזאַ יאָר אויף מיר.
איך האָב די נאָוועלע געלעזן,
און בין ביז צום ענד דערגאַנגען,
נאָר בעסער וואָלט געוועזן,
ווען דו זאָלסט די נאָוועלע
אינגאַנצן, ניט אָנגעפאַנגען.

צו אַ געוויסן שרייבער

איך האָב זיין ווערק געלעזן
און דערפון גאָרניט פאַרשטאַנען.
ווען איך האָב מיך מיטן שרייבער באַקענט,
האָב איך אין זיין רעדן דערקענט,
אַז ס׳איז אין ביידע גאָרניט פאַראַנען.

צו אַ געוויסן אַקטיאָר

דו באַרימסט דיך מיט מאַניערן,
מיט בינע־טעכניק און מיט טאַקט.
גאָט! צו וואָס, צו ווען, האָט מען דיך
אינגאַנצן געברויכט אין דעם אַקט?

צו אַ געוויסן מוזיקער

דיינע מוזיקאַלישע טענער,
זאָגסטו, קלינגען וואָס אַ טאָג שענער,
און זיינען פול מיט גרויס דערהאַבנקייט,
נאָר ווען דו צעצימבלסט דיך מיט אַ ברי,
באַצויבערט פון אייגנאַרטיקער געני,
כדי מיר שטאַרקער צו געפעלן — —
גלויב מיר וואָלט איך דעמאָלט בעסער וועלן
זיין אַ צען מייל כאָטש פון דער וויט.

צו אַ געוויסן מאהלער

דיינע בילדער זיינען ערהאַבן,
און זייער ווערט איז אונגעהויער,
נאָר אַמבעסטן געפעלן זיי מיר,
ווען זיי הענגען „גאָר קאַפּויער".

צו אַ געוויסן אַראַטאָר

צי דיין רעפעראַט האָט אין זיך
פייער געהאַט? פרעג מיך ניט!
אַז דו וואָלסט עס אין פייער פאַרברענט,
וואָלט עס געווען „מער ווי גוט".

צו אַ געוויסן טראַמאַטורג

זיי באַשולדיקן דיך אין פּלאַגיאַט,
נאָר ביי מיר איז קיין ספק פאַרבליבן:
אמת, ס'איז דיין אייגענע ווערק,
ווייל ווער וואָלט אַזאַ שונד געשריבן?

צו אַ געוויסן פּסיכאָלאָג

מיין העלד איז
אַ גרויסער פּסיכאָלאָג,
פאַרזיכערט ער מיר טאַקע.
נאָר וואָס ער ווייסט פון פּסיכאָלאָגיע,
פאַרזיכער איך אייך,
איז ניט מער ווי אַ מכה.

און אויב מ'רעדט פון חכמה,
רעדט ער זיך איין,
באמת צו זיין,
אַ גרויסער חכם אַן עתיק,
און פאַר דעם שטות אַליין,
האָט ער די ווערט
דעם אמתן באַטיק.

צו אַ געוויסן הומאָריסט

דיין הומאָר וואָלט זער גוט זיין,
ווען עס וואָלט אָריגינאַל געווען,
נאָר ווען איך קוק מיך גוט צו,

ווייס איך אַז כ׳האָב עס פריער שוין,
ערגעץ אַנדערשוואו געלעזן.

צו אַ געוויסן פאַראיין

אַ געוויסן פאַראיין
וויל איך דעם פאַרזיצער
געטרײַ געבן צו פאַרשטיין,
אַז ער זאָל ניט לאָזן
אויסמאַטערן דעם עולם,
מיט נודינע רעדעס,
וואָס פלאַפּלט יעדער גולם.
כ׳וואָלט אים אויך נאָך ראַטן,
ווי דעם עולם צו באַשיצן,
חלשות־טראָפּנס אַנגרייטן,
טאָמער חלשט מען אַוועק,
פון די רעדנערס וויצן.

צו אַ גוט־באַוווסטן דיכטער

ער איז אַ ייד אַ בן תורה,
און באַזיצט אויך אַ קראָם
מיט „אַלאַדינס" סחורה.
און צו דערצו
שרייבט ער פּאָעזיע,
און וויל דעם עולם קוויקן.
נאָר דער אונטערשייד איז דאָס,
אַז פאַר איינעם פון זיינע אַנטיקן,
אָדער גאָר אַ געשליפן שטיקל גלאָז
טוט מען אים גאַנץ גוט באַצאָלן,
נאָר פאַר זיינס אַ פּאָעמע
ווי שיין ער זאָל זי ניט מאהלן,
מוז ער נעבעך נאָך גוט —צוצאָלן . . .

צו אַ געוויסן דיכטער

ער איז אַ דיכטער אַ באַוווסטער,
עס קאָן אים גוט יעדער שוסטער.
ניט אַזוי פאַר זיינע פּאָעמען און פעדער,
ווי פאַר זיינע גוטע זוילן לעדער.

דערפֿאַר שרייבט ער
זיינע פּאָעמען אַזוי גיך,
צו דעם ריטמישן קלאַפּן —
פֿון טשוועקעס אויף די שיך.

צו אַ געוויסן בעל־דבר

אַן אייזל האָט לאַנגע אויערן,
און אַ נאַר האָט אַ לאַנגע צונג,
נאָר מיין בעל־דבר קוקט אים אָן,
ער שטייגטביידע איבער זער גרינג.

צו אַ געוויסן סקולפּטאָר

דאָס ליים איז צו יוירן,
אין די פיגור צעשווימען,
כ׳וואָלט הייליק געשווירן,
אַז ביי אַ בעקער, וואָלסטו דיך
מער אין דער היים געפינען.

צו אַ געוויסן מאַטעמאַטיקער

אַז דו קענסט פון דיינע חשבונות
קיין לעבן ניט מאַכן, צו וואָס —
טויג דיר דאָס חשבונען דאָס ?
ס׳מוז דאָך אין דיין חשבון,
ערגעץ ווו, זיין אַ גרויסער טעות.

צו אַ געוויסן זייגער מאַכער אַ שפּאָרט

אַז עס איז ניט באַשערט,
גייט עס אַלעמאָל פאַרקערט ;
פּרוּוו דיין מזל ניט זוכן,
ווען די זייעגערס לויפן
און די הינט און פערד
האַלטן אין איין קריכן.
און מיט „ברידזש“ און „סאָלאָ“
גייט ניט בעסער. הערט אַן אומגליק :
אַז אין „סאָלאָ“ מאַכט ניט קיין טויז
נאָר אַ דרייטל, אין „מוזער“ מאַכט אַ „טריק“.
אַלעס גייט ביי אים פאַרקערט,
די זייגערס האַלטן אין לויפן,
און ס׳קריכן די הינט און פערד.

אַן אויסצוג פון אַ רעדע אויף אַ באַנקעט
פאַר אַ געווּיסן דיכטער

דאָס בוך האָב איך נאָך ניט געלייענט,
דאָך ווייס איך קלאָר וואָס אונזער פּאָעט מיינט,
דערפאַר ווינטש איך אים לאַנג לעבן,
ער זאָל ווערק און באַנקעטן אונז געבן.
נאָר טיף אין האַרץ טראַכט ער ביי זיך:
וואָס וויל דער נודניק פון מיר מיט זיין בוך?

מיין שטראָף

צו אַ געוויסן נאָוועליסט און דיכטער:
ווען איך וואָלט חלילה געמוזט זיין דיין ריכטער,
וואָלט מיין שטראָף ניט מער ווי דאָס געווען:
זאָלסט „דיין ווערק" צוואַנציק מאָל אין טאָג **אַליין לעזן.**

צו איינעם מיט אַלע מעלות

איך קען אַ מאַן
מיט אַלע מעלות,
נאָר איין חסרון האָט ער,
ער רעדט זיך איין,
אַז ער ווייסט און קען שוין אַלעס.

ניודיסטן — אַ נאַקעטע סעקטע

די מעשה איז ניט
אינגאַנצן גלאַט:
אָנגעהויבן האָט ער זיך מיט אַן עפּעל,
און אויסגעלאָזן
מיט אַ פייגנבלאַט.
נאָר אַנדערע געפעלט ניט,
דאָס גאַנצע שפּיל:
אַ פייגנבלאַט,
זאָגן זיי, איז אויך צו פיל.

ליבער!

ליבע, אַ געטלעכע עמפּפינדונג,
דאָס שענסטע און העכסטע אין לעבן.
ליבע, אַ „נעקטאַר", אַזאַ געטראַנק,
געמישט מיט טייפלישע געוועבן.

געבורטסטאָג

די פרויען געדענקען געגוי זייער געבורטסטאָג,
נאָר זיי פאַרגעסן די עלטער פון זייערע יאָרן.
„אין לעבן" זיינען זיי אַזוי „פאַרשווענדעריש",
נאָר ווען עס קומט צום „עלטער" האַלטן זיי אין איין „שפּאָרן".

צו אַ געוויסן ספּאָרט

ער האָט עס אַפילו ניט די ווערט,
דאָך ווינטש איך אים ער זאָל געפינען,
אַזאַ מין סיסטעם ווי צו געווינען,
אויף אַלע הינט און פערד.
און אויף להכעיס דעם „בוקי"
זאָל ער אים איינגאַנצן
אויך אַמאָל מאַכן — אַ נקי.

פּאַרקערט

אַ גאונישער איינפאַל
פון אַ געוויסן דיכטער
פון ערפינדערישן ווערט:
מ'מאַכט פון שמאַטעס פּאַפּיר,
נאָר מיין דיכטער מאַכט עס פּונקט פאַרקערט.

ת ו כ ן :

זייטל

נאָך װאָס מ׳ברויך די נאַכט 7

מלאכים 8

רעפעראַט איבער אייער 9

פאמאכעט האַלט מלחמה מיט דער לבנה 12

מ׳האָט פאַמאַכעט׳ן באַ׳גנבעט 14

פאַמאָכעט רעדט זיך אַדרוך מיט דער לבנה 17

פאַמאָכעט באַקומט אַ נייעם פאָסטן 19

פאַמאָכעט טרעפט זיך מיטן װייטשעפּעלער פּאָעט 21

פאַמאָכעט מאַכט אַ נייע דערפינדונג 23

פאַמאָכעט ראַטעװעט די ברינע 26

װאַלן אין הימל 27

אַ סטרייק אין גן־עדן 30

פאַמאָכעט װערט אַ צפנת־פענח 33

פאַמאָכעט קומט נאָך װייטשעפּל 34

פאַמאָכעט גייט אַפּ־װעסט און זעט דעם פעסטיװאַל 39

„יוסף דעת יוסף מכאוב“ 42

װידער איז דער מלאך געקומען 44

פאַמאָכעט ביים זשורנאַליסטן פאריין 45

פאַמאָכעט ביים בן־אורי פאריין 47

פאַמאָכעט ביי אַ חנוכה־פאַרװייל 50

פאַמאָכעט זעט דעם טשעלסי אַרט־באַל 51

פאַמאָכעט אין אַ װעסט־ענד האָטעל 53

פאַמאָכעט האָט שמואל װהייטן געטראָפן 54

פאַמאָכעט האָט דעם רעדאַקטאָר באַגעגנט 56

פאַמאָכעט דער כעלעמער פּאָעט קומט אויף שמואל װהייטס באַנקעט 58

פּריטלעך, שלח־מנות און לאַטקעס 62

עפּיגראַמען און סתם אַ גראַם 66